STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03502

HARBST-BLETER

M. Granitstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה גראַניטשטיין.

צום אָנדענק

פון מחבר

הארבסט־בלעטער

אַ זאַמלונג.

1. Granitstein

Corrientes 5515

B. Aires

Rep. Argentina

בועגאָס איירעס

1943

ביכער פון משה גראַניטשטיין

פּאָעזיע.

שטאַפּלען, לידער און געזאַנגען.

פּובליציסטיק.

פון תחום צו תחום, זכרונות און באַטראַכטונגען איבערן שטעטל.

דערציילונגען און נאָוועלן.

וואָס האָט געוואָלט פרוי גאַסטער?
פון ביידע זייטן בריק.
די אַוואַנטורעס פון חבר האַמערל.
באַם וואָגזאַל.
באַשעלע. (אַ קינדער-נאָוועלע.)
צוריק צום געטאָ. (אַ פּייער-פּראָבע.)
מענטשן פון באַגינען.
דער סאָלטעראָ. (אַ זאַמלונג.)
דער בעטלער, דער ליץ, דער סאָציאַלער מענטש. (אַ קלינישע געשיכטע.)
די גאַנגרענע. (אַ געשיכטע פון ליבע און האַס.)
נאָראָ. (אַ געשיכטע פון ציניזם און גלויבן.)
באַלוואַנעווקע. (ראָמאַן, אין צוויי טיילן.)
מסעות פּליגלמאַן. (ראָמאַן, אין צוויי טיילן.)

בילדער פון אָפּגייענדן שטעטל.

ערשטער באַנד — דאָס שטעטל רעדט.

סאָציאָלאָגיע.

די מאַסע און אירע דערלייזער. (ווערטן-איבערשאַצונג.)
קורצע וועלט-געשיכטע פון אידישן פאָלק.

די קאריערע פון א פומא-יעגער

אין א שטעטל אין די קארדאבער בערג איז, אין א זומערדיקן פרימארגן, אראפגעקומען א מיטלוויקסיקער טונקעלער מאן אין די פערציקער יארן און פארפארן אין א אידישן פענסיאן, וואס עס האט געהאלטן א פרוי, אויך אין די זעלבע יארן און אזויווי פון א אומבאשטימטן קאליר, צוזאמען מיט אירן א זון, א בלאנדער יונג, קרוב צו די צוואנציק.

און עס איז געווען, ווען דער צוגעפארענער און די פרוי און זון האבן זיך דערזען, — איז זי געבליבן אנגעצונדן אין צורה, איר אינגל — צעמישט, און דער פרעמדער — בלייך. נאר, זיי האבן זיך גארנישט געזאגט, און אלעס איז אדורכגעגאן שטיל.

ביז דער גאסט האט זיך איינגעוואשן, ארומגעשטויבט פון וועג, — איז געווארן שפעט אפן טאג, געקומען די צייט פון מיטיק. מע איז געגאנגען עסן, אלע געסט, האלבע און גאנצע פאמיליעס, מענער, פרויען און קינדער. געווען געגרייט די טישן אף דער אפענער וועראנדע פון הויז, וואס האט געלאזן א אויסבליק צום צעבליטן האלב־גארטן־הויף, פונפארנט, צום וועג און צו די ארומיקע גרינע בערג.

באם עסן, באם טרינקען, האבן זיך אויפגעבונדן די צינגער באם עולם, מע איז געווארן היימישער. דא זענען געווען מענטשן אלערליי... איינער, נאך א יונגערמאן, א געוועזענער פאבריקאנט אין דער אלטער היים, — איז ארומגעפארן איבערן לאנד, מיט דער אויסרעכענונג אף דער האנט: דער ארגענטינער אידישער ישוב ציילט בא די 3 הונדערט טויזנט נפשות; זאל אים איטלעכער גיבן בלויז צו איין פעזע — נישט קיין אנשטרענגונג פון קיינעם, — און ער, דער אמאליקער עושר, וועט האבן לייבט דעם גויטיקן קאפיטאל, צו שטעלן ווידער זיין פאבריק, ווי געווען... דער רעכענונג, ווי מע זעט, איז געווען אויסגעהאלטן; אלא, וואס דען? — ווי

מע האט זיך געוויצלט אף זיין קאנטע: — חשבון יע, אלי ראשי נימא... דערביי האט עס דערווייל געהאלטן...

א צווייטער, א אידל אן אמבולאנט, וואס פארט ארום אין די בערג מיט זיין פעקל, — האט זיך גערימט, וויאזוי ער פארדרייט דעם קאפ די „שווארצע ווילדע פונדעקעס", וואס לאזן זיך כאפן אפן זגענאר...

א דריטער, א רייך געפאקט אידל, שוין א ודאי א פופציקער, נאר וועלכער האט זיך נאך געהאלטן פעסט געשטרעקט, — ער איז אראפגעקומען אהער, צוזאמען מיט א מוטער און א טאכטער — נאך ביידע יונג אין שיין — און מיט א גאנצער געשיכטע... ער, דאס אידל, האט נישט גערוט — א מינוט, פאר יעדן אלץ אויסדערציילט — ווער, וואס און ווען, זיך ארויסגעשטעלט, גערימט און אן א אויפהער געבלאפט; אויפגעבראכט געשיכטן פון דער וועלט, וואו ער איז אלץ אויסגעוועזן, אומעטום אנגעשפארט, וואו די ערד האט אן עק — אמת, צי שקר — נישט וויכטיק, אבי עס איז אינטערעסאנט, עולם האט הנאה באם אויסהערן, ער אליין -- באם דערציילן — שוין, וואס באדארף מען נאך?...

ער, אין זיינע בראיענינעס, האט זיך נישט געקרעמפירט קיינמאל פאר גארנישט... אזוי, איז ער, אמאל אין דער יוגנט, אלס חלוץ, פארפארן אזש קיין פאלעסטינע. גייט ער איינמאל ארום, איינער אליין, שפעט בא דערנאכט, אין ירושלים און פארבלאנדזשעט צום כותל־מערבי. פלוצים דערהערט ער א בת־קול מנהמת כיונה... האט ער זיך געלאזן גיין נאך דער שטימע. ביז ער איז צוגעקומען נאענט און דערזען, אז דאס וויינט א יונגע שיינע פרוי, וואס בעט אף קינדער... איז, וואס ארט אייך? ער האט איר שוין פוקד־עקרות גוועזן...

דער עולם, דא אינעם פענסיאן, האט געלאכט, און ער, א דערמונטערטער, האט געבראכט ווייטער...

...זיין קאפיטאל, דא אין אמעריקע, האט ער צונויפגעשלאגן דערפין, וואס ער האט, א קייט מיט יארן, ארומגעבלאנקעט מיט זיין פארדל איבער די אומצוטריטלעכע וועלדער פון טשאקא, צווישן די אינדיאנער־שבטים, זיי אליין עפעס פארקויפט, און בא זיי אויפגעקויפט זאכענעס... פארשטייט זיך, אז פונעם תמיד אומדרייען זיך אין די וועלדער ווערט מען נאכאנאנד אויסגעשטעלט אף די גרעסטע געפארן, און מע מוז זיך קענען פארטיידיקן, אויב דאס אייגענע לעבן איז דיר נאך נישט נמאס געווארן... ער האט זיך, מיט דער צייט, אזוי ארייגעצויגן אין דער יעגעריי אף כלעריי שרצים ורמשים, וואס פלעגן אים באפאלן אין וועג, אז עס האט שוין בא אים נישט געשפילט קיין ראל, יעדן טאג, אוועקצולייגן מיט צען פומאס (פומא, אמעריקאנער טיגער) מערער, צי ווייניקער

אָפן הורט, געוואָרן באַ אים אַ הרגל אַזאַ, אַ געוויינלעכע זאַך. זיי, די פּומאַס אַליין, האָט זיך אויסגעדוכט, ווי זיי זענען געקראָכן אַף זיין ציל — פון דעם רעוואָלווער, צי פון דער ביקס; געקומען, זיך אַנידערגעלייגט פאַר אים: — נאַ, נעם און שיס אַף אונז, ברודער־סערדצע... איז, איינ־מאָל, אַרומפּאָרנדיק אַזוי, גוט אויפגעלייגט, איבער אַ וואַלד, — איז אים אַרויס אַנטקעגן אַ וועלט אַ גאַנצע מיט אינדיאַנערנס, יונגע און אַלטע; זיי זענען געווען, ווי ער האָט זיך דערוואוסט שפּעטער, דריי טויזנט נשים אין צאָל, און צווישן זיי אַלע — קיין איין מאַן נישט אַף אַ רפואה. וואָס קאָן דאָס זיין?... נאָר זיי, די ווילדע, האָבן אים נישט געלאָזן קיין צייט צו טראַכטן אַסאַך. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט און, מיט ווילדע גע־שרייען, אַוועקגעפירט נאָך זיך אין זייער לאַגער. דאָרט האָט מען אים גע־געבן צו פאַרשטיין אַף תרגום־לשון, דאָס הייסט — מער מיט די הענט ווי מיטן מויל — נו, און ער אַליין, נאָך אַזויפיל יאָרן אַרומפאָרן צווישן זיי, האָט שוין אויך עפּעס געהאַט תופס געווען פון זייער שפּראַך — וואָס מע וויל פון אים... עס האָט זיי אַן אומגליק געטראָפן. דאַ ערשט, צוריק מיט געציילטע טעג, איז זיי באַפאַלן אַ פרעמדער שבט, אויסגעקוילעט אַלע זייערע מענער, די קינדער צוגערויבט און אַוועק. איצט דראָעט זייער שבט די געפאַר אויסצושטאַרבן... נאָר, דאָס ווילן זיי נישט. דערום האָבן זיי אים געכאַפּט, דעם ווייסן גאַט — ער זאָל זיי אַלע באַפרוכפּערן, — וועלן זיי אים פריי לאָזן גיין זיין וועג. זיי וועלן אים נאָך אָנשיטן מתנות, אַז ער וועט עס האָבן צו געדענקען, ווייט ער וועט לעבן... זאָל ער נישט מענהן קיין איבעריקס, ווייל מע וועט אים נישט אויסהערן. אַלע זיינע רייד וועלן נישט העלפן...

...געזען — ס'איז שלעכט, נישטאָ קיין ברירה, — און ער האָט זיך, מיט אַ שווער האַרץ, געמוזט נעמען צו דער אַרבעט... זיי זענען געווען, ווי מיר האָבן אויבן געזאָגט, דריי טויזנט, צווישן זיי — אַ העלפט זקנות. וואָס האָבן שוין נישט געטויגט פּיי־ווי צו קיין עיבור; האָט ער זיך גע־בעטן באַ די לעצטע, ווי באַ גזלנטעס: — וואָס נוצט עס אייך?!. נאָר זיי, די אַלטיטשקעס, האָבן גאָרנישט געוואָלט הערן דערפון... — בשעת הדוה חדותא!... איז דער טייטש: — געהוליעט זאָל זיין! — מע האָט אים געקאָרעמט מיט קאַנדאָר־לעבערלעך[1], כדי אים צו קרעפטיקן די געבלוטן, און יעדן טאָג האָט ער געמוזט באַפרוכפּערן, ווי דער הייליקער אָגער פאַר־נעם שבט, הונדערט אינדיאַנערקעס פאַראַמאָל. צו די דרייסיק טעג, איז זיין מיסיע געווען צו ענדע, און זיי האָבן אים אָפּגעלאָזט...

---

1) דרום־אַמעריקאַנער אָדלער.

...ווען ער איז געקומען צופאָרן פון דאָרט קיין ב. אײַרעס — וואָס אַרט אײַך? — האָט ער שוין נישט געדאַרפט מער אַרבעטן. זיך שוין גע־קאָנט פאַרגינען דעם נחת צו לעבן פון גרייטן, ביז צום סוף פון זײַנע טעג. נאָר, וואָס טוט מען? — און ער האָט באַשלאָסן — קיין אייזל נישט צו זײַן... איר ווייסט נישט, וואָס דאָס מיינט? עס איז אַן אָריענטאַלישער אַנעקדאָט, און ער האָט אים געבראַכט צופירן פון פּאַלעסטינע... דערציילט מען, אַז באַם אַלטן סאַלים איז פאַרפאַלן געוואָרן זײַן אייזל. גייט ער צום שייך אים מודיע זײַן. באַפעלט אים יענער צו קומען, אום פרייטיק פאַרפרי, אין מעטשעט אַריין; דאָרט וועט ער אים זאָגן, וואו דאָס אייזל געפינט זיך... אַזוי האָט דער אַלטער סאַלים געטאָן... פרייטיק פאַרפרי. דער מעטשעט איז געפּאַקט מיט די גלויביקע. דער שייך שטעלט זיך אויף פון זײַן אָרט און ער רופט אויס: — איז דאָ פאַראַן איין מאַן, וואָס האָט זײַנע ליפּן נישט באַפלעקט מיט דעם קוש פון דער פרוי? — קיינער ענט־מערט נישט. עס איז אַנטשטאַנען אַ שטיינערנע שטילקייט. ווען דער שייך איז שוין געווען גרייט איבערצוזאָגן זײַן פראַגע נאָכאַמאָל, — האָט איי־נער, אַן אַלטער גרייזגרויער מאַן, וואָס איז געשטאַנען באַ דער טיר פון מעטשעט, פּלוצים זיך גענומען שפּאַרן אין פאָרויס. אַרויסגעקומען פונ־פאַרנט, האָט ער געקניט פאַרן שייך און געשריגן: — הייליקער נביא! איך, דײַן קנעכט, האָב קיינמאָל מײַנע ליפּן נישט באַפלעקט מיט אַ קוש פון אַ פרוי... דאָ האָט דער שייך צוגערופן דעם אַלטן סאַלים, אים אָנגע־וויזן אַפן קביענדיקן זקן און צוגעגעבן: — נאַ, אָט האָסטו דאָס אייזל...

...— איר פאַרשטייט? איך האָב מיך אַריינגעוואָרפן מיט דעם גאַנצן קאָפּ אין דעם לעבן. יונג בין איך; די היטל מיט גאָלד איז פאַראַן צו דער האַנט — וואָס דאַרף מען זאָרגן? איך האָב גענאָסן, וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזן... בלויז אַזוי, האָב איך מיך דערהאַלטן באַ דער יוגנט. איר פאַר־שטייט? די יאָרן זענען געגאַנגען, דאָס לעבן; נאָר איך איינער בין געבליבן שטיין, א י ך װ א ק ס נ י ט ; איך האַלט מיך תמיד געזונט און יונג... איך בין געגאַנגען אַף בעלער, זיך צוגעשאַרט צו אַזוינע, וואָס עס איז קענטיק אַף זיי, ווי זיי חלשן נאָך אַ רייכן חתן, זיי אָפּגעפירט אַליין אַהיים און איבערן וועג פלעגן מיר זיך לאָזן וואוילגיין... אָ, דאָס האָט קיינעם פון אונז דאָך נישט מחיב־געווען צו גאָרנישט. בלויז אַ פרייע אומשולדיקע שפּיל... פון הייראַטן, זעט איר, דאָס האָב איך ניט געהאַלטן. פון ליבע צו הייראַט איז דער חילוק, ווי צווישן אַ מיתה־בנשיקה און אַ מיאוסע נשיקה, אַלציינגס, כע־ע־ע... געקומען דער ווינטער־סעזאָן; פלעג איך מיך שאַרן אין די טעאַטערן הינטער די קוליסן, וואו דער פאַנג איז געווען אַ געדיכטער, דער אויסוואַל — אַ פאַרשיידנפאַרביקער, אַ ריי־

כער... אזוי האָבן מיר זיך געבאָדן יאָרן לאַנג אין ווייַן, ווייב און געזאַנג... עס פלעגט אָבער אָפּקאָסטן אוצרות גאַנצע. ביז איך האָב מיך געכאַפּט, אַז — עס לוינט ניט, ווייבאַלד מען קאָן עס מאַכן פאַר ביליקער, און איך האָב גענומען אַרונטערלאָזן פונעם געשמאַק... איר הערט? — נאָראַ, עלווירא, איסירא — אָ, זיי זענען אויך געווען פּרעכטיק; איטלעכע, אַף איר שטייגער... נאָראַ, אַ צעזאָדענע טשילענישע שקאַפּע, אָ, זי איז געווען אַ קינסטלערן אין איר מין. זי איז געקומען דערצו בלויז דערפאַר, וואָס איר בלוט האָט איר געטריבן. מע האָט געזען, ווי זי האָט אַליין הנאה געהאַט; געוואָלט, מע זאָל איר גענישן, איר באַוואונדערן און הנאה האָבן פון איר לייב... דערקאָנט האָב איך איר צופעליק. געווען איז שוין דאַן די צייט, ווען מע האָט פאַרבאָטן דאָס מין געשעפט. געזעסן איז זי אין אַ קיאָסק אינעם שטאָט־צענטער, אַלס פאַרקויפערן. איך בין דאָרט פאַרבייגעגאַנגען. האָט זי דערלאַנגט צו מיר אַ פינטל מיטן אויג — אי דיעלאַ וו׳שליאַפּיע... וואָס אַרט אייך? עס איז שוין געווען רעכט... אַף איר מזל, איז זי, נאָך כמעט אַ קינד, אַריינגעפאַלן אין די הענט צו אַן אויסוואורף, וועלכער האָט געוואוינט מיט אַ גאַנצן שטאַב; יענער פלעגט זיי קאַטעווען דאָס לייב, און זיי האָבן אים דערפאַר געליבט ביז וואַנזין, געלאָפן איינע פאַר דער אַנדערער, אים געבראַכט צוטראָגן, מיט ליבע און פרייד און מיט גרענצלאָזער טרייהייט, אָ זייער הייליקן פאַרדינסט... ביז איינמאָל... זי, נאָראַ, איז געווען אַ שטאָלצע. אַ פנים, זי האָט געמוזט שפּירן, אין איר איינטימיטעט, ווי ער ליבט איר מיט אַן אמת, נישט ווי די אַנדערע... און זי האָט באַ מיר געפרעגט מיין עצה: — וואָס זאָל זי טאָן?...

...— צו יענער צייט, האָט שוין מיין שטערן העל געשיינט אין איר הויז. איך פלעג קומען צוגיין אַף לאַנג און, צוזעענדיק, ווי זי איז אַן איידעלע, האָב איך גערעדט צו איר פיינע דערהויבענע רייד. איך האָב איר דערציילט, אַז איך שטאַם פון אַ לאַנד, רוסלאַנד, וואו עס האָט אַמאָל געלעבט אַ גרויסער שרייבער, און ער האָט געליבט אַלע אָרעמע, די געפאַלענע; פלעגט ער רופן שטענדיק: „— אָ, מענטש — דאָס קלינגט שיין...״ זי, נאָראַ, האָט אין מיר געגלויבט; באַזונדערס, אַז איך האָב איר, אין די אָוונטן, אָנגעהויבן אַרויסנעמען אין אַ קינאָ, אַ טעאַטער, גלאַט אַזוי אַף אַ שפּאַציר... —וואָס זאָל זי טאָן?...— האָט זי באַ מיר געפרעגט; דערביי, מיר פאַרקוקט, ווי אַ שטומע צונג, אין די אויגן, זי, מיט איר גאַנץ לעבן, זיך מיר געשטרעקט אַנטקעגן... אָ, זי האָט געצאַפּלט, איך האָב עס גוט צו געזען, ווי זי האָט אויסגעקוקט, דערוואַרט פון מיר עפּעס צו הערן... איך, דער פיינער מענטש, בין פּלוצים געבליבן שטיין, דערשראָקן: — וואָס זאָל זי טאָן?!.

—... איך האָב איר געעצהט אהיימפאָרן אַף אַ צייט; אַביסל געלט האָט זי געהאַט; זאָל זי זיך אָפּרוען, צו זיך קומען. שפּעטער, וועל איך איר אָנשרייבן, ווען מיר זעען... און די גוטע נאַראַ האָט מיר געפאָלגט. איידער זי איז אַהיימגעפאָרן קיין טשילע, האָט זי מיך איבערגעענטפערט אין די הענט אריין צו אירע בעסטע צוויי חברטאָרנס, עלווירא און אַל־סירא, אַ שאַטענקע — די ערשטע, און אַ רויטע — די צווייטע, אַז זיי זאָלן זעען אכטונג געבן אַף מיר, איך זאָל מיך נישט לאַנגווײַלן, פאַר דער צייט, וואָס זי, נאַראַ, וועט פעלן... און יענע האָבן דאָס איר צוגעזאָגט. זיי האָבן ביידע, ווי געטרייע חברטאָרנס צו נאַראַן, געפּרואווט זייער וואָרט האַלטן. נאָר זי, עלווירא, איז מיר עפּעס נישט געווען צום האַרצן; זי האָט מיך, פּראָסט־פּשוט, נאָך נאַראַס יונג צעקאָכט לייב, נישט גענומען, און איך האָב איר זייער שנעל צורו־געלאָזן. דערפאַר, איז מיר שוין געווען ליבער די רויטע אַלסירא, נאַראַס אַ לאַנדשוועסטער, וועלכע פלעגט מיך פאַרשיקערן מיט איר פלאַמיקן קערפּער און דורכוים געוואָלט, אַז איך זאָל מיט איר אָן מיין נאַראַן פאַרגעסן... זי האָט דאָס טיילווייז דער־גרייכט. עס איז אַריבער אַ צייט, און איך האָב צו נאַראַן מיין פאַר־שפּראָכענעם בריוו נישט געשריבן. איך האָב ווי פאַרגעסן אָן יענער אינ־גאַנצן. פאַר מיין אויפגערוישט בלוט, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, איז נישטאָ קיין אַנדער פרייד, ווי נאָר דאָס באַהעפטן זיך צו אַלסיראַן... און זי, די זיגערן, האָט עס באַמערקט... אַ פּנים, אַז הינטער איר איז עמיצער גע־שטאַנען, איר באַפוילן, וואָס זי האָט צו טאָן מיט מיר... זי האָט געוויינט, ווען מע האָט באַדאַרפט, עס האָט זיך געפּאַסט צו דער שפּיל. זי האָט געצאַפּלט אונטער מיין ליבע און בא מיר געבעטן, איך זאָל איר באַ־פרייען פון איר זומף... אָ, איך האָב עס איר רויט־פייערלעך צוגעזאָגט; איך האָב געשוואוירן באַ דער ליבע אַליין — האָט מען צו מיר מער? — איך בין געווען אויסער זיך פאַר עקסטאַז, וואָס זי האָט ענדלעך באַוויליקט ווערן מיין באַשערטע, עס הייסט, אַף אײדעלער לשון גערעדט, די אויס־דערוויילטע פון מיין האַרץ... איצט, איז געקומען דאָס גערדיכטע: — ווי־אַזוי באַפרייט מען איר פון דעם זומף?... מסתמא, ווי מע דאַרף זיך משער זיין, איז דאָך דאָ עמיצער, וואָס וועט נישט דערלאָזן דערצו; איז — וויפל אַן ערך וועט עס באַדאַרפן אָנטרעפן די פאַרגיטיקונג, אַז מע זאָל מער פאַר איר נישט זיין קיין שטער?... זי האָט מיך אָנגעקוקט רעטזעלהאַפטיק; מיך געמאָסטן, קענטיק, אין געדאַנק, אַף ווי ווייט מיין יאָלד דערגייט... ביז זי האָט אַרויסגעבראַכט, ערנסט, געלאַסן, די גרויסע מאַטניא... איך האָב אַפילו קיין פּינטל נישט געטאָן מיט דער וויע, איר פאַרשפּראָכן שוין מאָרגן צו ברענגען דעם סכום... זי האָט געשטוינט; אָ, זי האָט עס נישט

אויסגעהאַלטן מער. זי האָט זיך געוואָרפן צו מיר מיט אַזאַ פאַליש, מיט אַזאַ גליק; מיר געוואָלט אויסדערציילן אַלץ, פאַרוועמען און פאַרוואָס זי ברויך אַזויפיל געלט... איך האָב נישט געוואָלט אויסהערן. איין וואָרט אַפילו! וואָס גייט עס מיר אָן? אַצינד, האָב איך איר געוואָלט געניסן; זי זאָל מיר געבן איר ליבע, מיט אַלץ, וואָס זי קאָן!... און זי, אַ גענאַרטע, אַ נאַיווע, אַ שיכורע פון פרייד, האָט מיר ערשט באַוויזן, וואָס ליבע מיינט, און וויאַזוי זי ליבן קאָן, ווען זי וויל... אָ, יעצט האָט זי מיך געליבט פונקט אַקוראַט ווי יענעם, איר פאַרבאָרגענעם האַר, וועלכער זעט איר נאַקעטע זעל, קאָן איר דורכונדורך, און נישט פאַר אים וועט זי זיך טאָן אויסבאַהאַלטן מיט עפּעס, אָ, אים וועט זי געבן, מיט גרויל, שרעק און פרייד, אַלץ, וואָס זי פאַרמאָגט פון איר לייב און האַרץ... און אָט אַזוי פונקט, אַן אויסער־זיך־עקסטאַטישע, אַ ווילד־געוואָרענע פאַר צערייצטער פרייד, אַ טאָפּל־נאַקעטע פון איר שיכור גליק, האָט זי זיך מיר אַצינד געגעבן; און איך דער אָרעמער טייוול נואַף, אַנטשולדיקט פאַרן אויסדרוק, האָב דאָס גליק צוגענומען... עס איז געווען, קאָן מען זאָגן, דאָס ערשטע מאָל אין מיין פּומאַ־קאַריערע, דאָס איך זאָל אַזאַ זיס חיהלע האָבן געפאַנגען... נו, וועל איך איר פון מיינע לאַפּעס אַרויסלאָזן?! פאַר וועמען, זאָגט, האַלט איר מיך דאָס?!.

...— געקומען דער מאָרגן. איך בין געקומען, צו דער אָפּגערעדטער מינוט... „— געבראַכט דאָס געלט?" „— ווי דען אַנדערש? אַז מע גיט אַ וואָרט, איז הייליק..." זי האָט אויפגעשיינט מיט גליק. פּלוצים, איז זי געוואָרן ערנסט. באַלד, איז איר געקומען אַ טרויער צום פּנים. זי האָט געשוויגן, אַ ווײַלע. אַרונטערגעלאָזן די בליקן, און זי האָט זיך מיר גענומען פאַרטרויען געהיימנישפול, אַז — מע ברויך די סומע צו פאַרטאָפּלען, און דאָס — ד ר י נ ג ע נ ד ; אַנדערש, וועט מען איר נישט באַפרייען, און זי איז איינגעשטעלט מיט איר לעבן... דערהערט אַזאַ נייעס, בין איך געבליבן דערשראָקן אַף טויט פאַרן גורל פון מיין געליבטער באַשערטער. נאָר, אַז איך בין געקומען צו זיך, האָב איך באַ איר געפרעגט, אין איינע ציטערניש, אויב, חלילה, ביז מאָרגן אין ד ע ר צייט וועט נישט זיין צו־שפּעט?... זי האָט אירע אייגענע אויערן נישט געגלויבט, אַ געפּלעפטע, פאַר איבעררואַשונג... ביז זי האָט מיך גענומען באַרואיקן און פאַרזיכערן, אַז ביז מאָרגן קאָן נאָך אַלעס ווערן צוריק גוט... דאָס האָט מיך פולשטענדיק פון דער שרעק באַפרייט. מיר זענען ביידע צוריק געוואָרן פריילעך און לוסטיק... „נו, און אַצינד, בחורטע — האָב איך צו איר אַ וואונק־געטאָן פילבאַדייטנד — באַוויז, וואָס דו קאָנסט..." געוואוסט האָב איך, אַז איך וועל איר שוין מער נישט זעען, און איך האָב

מיך נישט געאײלט אַזוי שנעל איר אַרויסצולאָזן פון מײַנע לאַפּעס. איך האָב איר אַצינד געוואָלט געניסן אַזוי, אַז איך זאָל דאָס האָבן צו געדענקען — אַ צײַט לאַנג... דאַרום, האָב איך אין איר אַלץ געטאָן, וואָס מײַן אויפגערוישטע פאַנטאַזיע האָט מיר אונטערגעטראָגן. גאָרנישט איז געווען פאַר מיר צופיל. איך בין געבליבן אומדערזעטלעך, אין יענע שאָען פון מײַן לעבן, ווי אַ צעשפּילטע אויפגעהעצטע בעסטיע, אַ צערײַצטע אַף טויט... געווען אַ מאָמענט, ווען זי, די דורכגעטריבענע מויד, האָט עפּעס דערשפּירט, ווי איך בין אַנדערש צו איר; נישט דער, ווי תּמיד... און זי האָט זיך געפּרואווט ווערן; זי האָט זיך געשטעלט קעגן... „— דאָס — נישט —" האָט זי אַ זאָג געטאָן, מיט טרערן אין קול... נאָר איך האָב איר נישט געהערט. אָן אויסערזיכיקער, פון האַס און ליבע אין בראַנד, האָב איך מיך אַרויפגעוואָרפן אַף איר, אײַנגעבראָכן אַלע שטערונגען פון איר זעלבסט־ווערט, פון איר אייגענעם ווילן; ברייט צעוואָרפן אירע פאַרמאַטערטע אָפּגעחלשטע גלידער, אויפגעדעקט איך בושה־לייב און, אײַנייגעם מיט איר, עס פאַרגוואַלדיקט און געליבט, אין לעצטן זשיפּעדיקן געגומספּאַזם פון הפקר־פאַר...

...—אונטערדעסן, האָט מײַן נאַראַ צוריקגעקערט. געזען, אַ פּניב, ווי זי קאָן זיך אַף מײַן בריוו נישט דערוואַרטן... דעם אמת גערעדט, האָב איך מיך שוין צו איר אַ רעכט ביסל געהאַט פאַרבענקט. מיר איז געווען אומעטיק. איך בין אומגעגאַן אַליין... ביז, איך האָב איר געטראָפן צופעליק. מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן, גערעדט. זי האָט אויסגעזען פײַן, אויסגערוט; געווען שיין אין מײַנע אויגן, ווי אַלע וועלטן. אַף איר קוקנדיק, האָב איך איר שוין ווידער באַגערט מיט מײַן גאַנצן לייב און צאַפּל... נאָר, זי האָט אפילו נישט געוואָלט הערן דערפון מער... „מיט מיר? — קיינמאָל אין דער וועלט נישט! אַלץ — יאָ; מע באַגעגנט זיך, אַ באַגריסונג, פאַרבײַט מען אַ וואָרט... נאָר דאָס — נישט. אָ, עס איז שוין לאַנג אַריבער אין דער געשיכטע..." איך, וואָס האָב געוואוסט, צו וואָס זי האָט צוריקגעקערט, און וועלכער האָב איר, אַליין, קוים מיט אַ קורצער צײַט צוריק, געהאַט אָפּגערעדט דערפון, געפּרואווט איר רייצן די אומשולדיקע פאַנטאַזיע מיט ליכטיקע האָריזאָנטן פאַר דער צוקונפט, — איך, דער זעלבער, האָב איר ערשט גענומען אײַנרעדן, זי זאָל ווערן נאָכגיביקער מײַן ווילן, ווײַל... די געשיכטע, ווי דער שטייגער, ווידערהאָלט זיך... „אָ, לאָמיר ווידער פרײַנט ווערן, נאַראַ, ווי געווען..."

...— נאָר איר ענטפער איז געווען אַ געוויין אינמיטן גאַס. זי איז אוועק פון מיר אַף אייביק...

דערציילן, וואָס ווייטער איז מיט אים געשען אין זיין לעבן, — דאָס האָט ער שוין נישט באַדאַרפט אַליין, דער אורח. עס האָבן געוואוסט דער־פון גענוי אַלע געסט פון פּענסיאָן, אַי דאָס — אויס דער ערשטער קוועלע; פון יענער מוטער און טאָכטער, וועלכע זענען אַראָפּגעקומען מיט אים צו־זאַמען, זיך כסדר אַרומגעריסן הויך אַפן קול, נישט קרעמפּירט פאַר קיי־נעם, פאַרקערט — זיך געביסן פאַר אַלעמען אין די אויגן, — איז מען באַלד דערגאַנגען, וויאַזוי ער, דער אַלטער תרח, האָט צוערשט פאַרדרייט דעם קאָפּ דער מוטער דער אלמנה, באַ וועמען אין פּענסיאָן ער האָט זיך געהאַט געסטאָלאָוועט. נו, און זי האָט זיך געלאָזן פאַרדרייען... אַזוי לאַנג, ביז עס האָט גענומען אונטערוואַקסן דאָס טעכטערל. זי האָט זיך גלייך געגעבן רעכענונג, וואָס צווישן דער מאַמען און דעם פעטער גייט פאָר; און זי האָט אַליין גענומען מאַכן צו אים אויגלעך, ביז ער איז געבליבן אין איר נעץ געפאַנגען... מאַמע האָט טאָכטער געוואָלט די אויגן אַרויס־רייסן פון קאָפּ... „— אַן אייגענער מוטער גיין אַפן לעבן?!." נאָר זי, די קליינע, ווי ביטער זי איז געווען, האָט זיך קעגנגעשטעלט... „— אַ מו־טער, וואָס פאַרגינט נישט דאָס גליק איר אייגן קינד... אַזאַ מאַמע האָט נישט די ווערט די רייד — טפוי!..." נו, און ער אַליין, דער אַלטער, האָט דאָס צוגעקוקט די רייסעריי, געווישט די לאַפּקעס, ווי אַ קאָטער... „— מאַ־יאַ כאַטאַ ס'קראַיו..." — האָט ער פרום געבעבעטשעט, ווי איינער רעדט: „— מיין כפּרה זענען זיי ביידע..." אַ וודאי, אויסגעקוקט די רגע, ער זאָל זיי שוין פטור ווערן צוזאַמען, דער טאָכטער מיט דער מאַמען...

זיך אָפּגעפּאַרטיקט די געסט איינס מיט דאָס אַנדערע; און מע האָט זיך אַלע אַ קער געטאָן צום נייעם אורח, וואָס איז ערשט געהאַט אַראָפּגע־קומען היינט אינדערפרי, אים באַלעקן באַשמעקן — ווער און וואָס?

נאָר ער, דער פרעמדער, האָט געשוויגן. ער האָט זיך, אין אַלגעמיין, געהאַלטן, אַזויווי פונדערווייטנס, אַ ברוגזער, אַ שטרענגער. ער האָט בלויז צוגעוואָרפן צווישן די ציין, אַף דער ערשטער פראַגע, ווי פאַר יוצא וועגן, אַז — ער איז אַ לערער...

דאָס וואוילע אידל דער ווייבערניק, דאָס דערהערנדיק, — האָט גאָר אויפגעשיינט.

— אַזוי זשע רעד — אַ ש'מלמד — האָט ער אָנגעקוואָלן מרמז גע־ווען, געוואונקען צו די געסט אַרום — אַ יאָלד אַ ריכטיקער! אַבי מיר האָבן געמיינט — כ'ווייס וואָס...

און ער האָט זיך געכאַפּט דערציילן געשיכטן פון אידישע לערערס

אין ב. איירעס — וואס ע ר קאן... א, ער האט זיך ערשט געגרייט משמח זיין דעם עולם — אף וואס די וועלט שטייט... ער האט אבער באלד געזען, ווי ער האט אנגעטראפן דאס ארט...

...— נישט קיין אנדערער, ווי זיינער א באקאנטער לערער איז דאס געווען. מיט יענעם האט דאס פאסירט — צייט פון וואקאציעס, אין ב. איירעס, א זומערדיקער אוונט; נישטא זיך, וואו אהינצוטאן, פאר דערשטיקעניש... האט ער זיך געלאזן גיין: פון וויזשא־קרעספא — צום צענטר, מיט דער קאריענטעסער גאס גלייך, אזעלכע פערציק־פופציק קווADרעס צופוס... מע קאן זיך דערווארעמען, העז... געקומען צו דער אווענידא לעאנדרא נ. אלעם, — האט ער זיך צוגעזעצט, א פארשוויצטער, בא א טישל, לעבן א קאבארעט, געבעטן א גלעזעלע וויין... ער האט גערעכנט דארטן אונטערזיצן, א ווײלע. פון ים האט געצויגן א קיל ווינטל. ער איז געווען מיד; געהאפט זיך דערפרישן... פון אינעווייניק, אויס דעם קאבארעט, האט זיך גענומען דערטראגן א געזאנג אין כאר. עס איז אים גראדע וואויל געפעלן, יענץ געזאנג; געלאזן זיך שפירן, אקוראט ווי מע וואלט אים איידל געקיצלט אין די פיאטעס... אזש ער האט זיך שטיל און גליקלעך צעלאכט, ווי א קינד... מיטאמאל — א, שוידער פונעם הימל! — וואס זעען דאס זיינע אף טויט־דערשראקענע בליקן און זיין ארעם אידיש־לערעריש הארץ?!. אף דער שוועל פון קאבארעט איז פלוצים געבליבן שטיין א קויל־שווארצע מולאטקע, אין א שניי־ווייס קליידל... זי האט ערשט געוואונקען צו אים מיט א פינגער, צו אים זיס געשמייכלט מיט איר גאנצן בלוט־רויטן מויל און די שארפע בלאנקנדע ציין, וואס האבן געבלישטשעט אין דער טונקל, און אים צו זיך גערופן: „— א, קום, מיין זיס אינגעלע, נאך מיר...” אז ער, דער ארעמער, האט נישט געטאן א שפרינג אויף פון זיין ארט, נישט טויט נישט לעבעדיק, זיך אוועקגעריסן פון דארט, גענומען לויפן, — האט ער זיך ארומגעקוקט, געקומען צו זיך ערשט דאן, ווען ער איז שוין געווען בשלום אינדערהיים, א, אינגאנצן אויסער געפאר... אף מארגן, באלד אינדערפרי, איז ער געלאפן איבערגעבן חברים, וויאזוי ער, דער גליקלעכער מאן, האט, נעכטן באדערנאכט, גענאסן פארייןמאל פון וויין, ווייב, געזאנג... און זיי, די ארעמע חברים נעבעך, האבן אים שטארק מקנא געווען...

געענדיקט איין געשיכטע, דער עולם ארום האט געלאכט; געזען, עס איז אים אפגעגאן גלאטיק, — האט ער, דאס פרייליכע אידל זיך געקליבן באלד פירברענגען אויפשיטן א צווייטע, א דריטע... א, ער האט זיי גענוג, א גאנצע סאך...

נאר דא האט זיך דערטראגן מיטאמאל, אויס דעם הינטערשטן הויף,

א געוואַלד, און אַלע האָבן געאײַלט אַהינצו. דער טומל האָט געגרײַכט
פֿון דעם אַרומגעגרויזשעטן ווינקל פֿאַר די עופֿות. דאָרט האָבן די אינ־
דיקעס געהערשט ביד־רמה, אי מיט זייער הויך און קראַפּט, ווי מיטן שאַרפֿן
שנוק, איבער אַלע איבעריקע הינער און קאַטשקעס, וועלכע האָבן אַרומ־
געפּויזעט באַ זיי צופֿוסנס און אומזיסט געפּילדערט, ווייל עס האָט זיי
גאָרנישט געהאָלפֿן... געקומען צו אַ פּעטן ביסן — שירײַם פֿון אַ מאָלצײַט,
ווי איצט, אַ שטייגער; צי וואָס אַנדערש — האָבן זיי, די פֿאַריסענע אינ־
דיקעס, אַלעם אויסגעכאַפּט פֿאַר זיך, און פֿאַרן אָרעמען הונגער־לײַדנדן
פֿאָלק־נעבעך אינדערגינדער גאָרנישט געלאָזן... דאָס דאָזיקע הימל־שרײַענ־
דע אומרעכט האָט געפּלעגט אויפֿברויזן נישט איינמאָל דעם הייליקן צאָרן
באַ די דערדריקטע און דערשלאָגענע פֿאָלקס־מאַסן, וועלכע האָבן זיך אויפֿ־
געזאַמלט און, מיט אַ קאַמף־שאַלן, געגאַנגען שטורעמען זייער שונא...
איצט, נאָך מיטאָג, האָט עס אָנגעהאַלטן אַזאַ שלאַכט. געקומען זענען
אין שפּיץ פֿון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָנסטראַציע די באַוואוסטזיניק־
אויפֿגעקלערטע קאַטשקעס. זיי האָבן נאָכאַנאַנד געשאַרפּט אָן דער ערד
אַף אַהין און צוריק זייערע טעמפּע פּיסקעס נעבעך און, מיט אַ געוואַל־
דיקער גאַגאַטשערײַ, זיך געלאָזן אַף די אינדיקעס, זיי אַ קיצל געגעבן ער־
געץ באַם בויך, קוים געגרײַכט זיי צום פּופּיק, און באַלד אַרײַנגעכאַפּט
אַ שאַרפֿן פּיק פֿון אַ אינדיאַקישן שנוק, אַזש עס איז זיי פֿאַרגאַנגען דאָס
חיות און זיי זענען זיך צעלאָפֿן, מיט אַ קלאָגערײַ, אין אַלע עקן; די אָרע־
מע הינער פֿון הינטערקאַנד — נאָך זיי... עס האָט אויסגעזען, אָ, אַז דער
שטאָלצער פֿאַריסענער שונא פֿון פֿאָלק איז אומבאַזיגבאַר... און פֿונדעסט־
וועגן, האָט די פֿאַרצווייפֿלטע אויסגעהונגערטע מאַסע נישט נאָכגעגעבן.
פּשוט דערפֿאַר, ווייל עס איז ניט געווען, וואוהין צו אַנטלויפֿן, אַלע וועגן
זענען געשטאָנען פֿאַרצוימט. אַלע בריקן הינטער זיך פֿאַרברענט. און אי־
בער אַלעמענס קעפּ האָט תמיד געהויערט די פּאַטאַלע האַנט פֿונעם
מענטש... לכן, איז איין וועג געבליבן, כל זמן מע האַלט אָפֿן די אויגן אַף
דער וועלט; און דאָס איז — אַטאַקירן! די טאָטאַלע בליץ־אָפֿענסיווע...
אַזוי האָבן זיי געטאָן. ווידער רעאָרגאַניזירט די צעשלאָגענע מחנות; ענ־
גער, קאָמפּאַקטער צונויפֿגעדרענגט די רייען און, מיט באַנײַטן רעוואָלו־
ציאָנערן ברען, אָנגעגריפֿן... ביז וואַנען, זיי האָבן זייערס אויסגעפֿירט.
נישט איינמאָל פֿלעגט טרעפֿן, ווי זיי האָבן אַרויסגעשלאָגן באַם איבער־
געפֿרעסענעם אינדיק אַ קראָשקע בײַם פֿונעם פּיסק... נו, האָט מען ערשט
געמאָגט צוזעען, אַ קלאָג צו זייער קאָפּ, וויאַזוי זיי האָבן זיך דאָס נישט
געקאָנט איינטיילן מיט דער ירושה, געצופּט, געפּליקט, געביסן איינס דאָס
אַנדערע, זיך שטיקער לייב אויסגעריסן; און מער שאָדן זיך אַליין אָנגע־
טאָן, איידער ווי אַלע אינדיקעס צוזאַמענגענומען...

ארום איז געשטאנען דער זאַטער עולם און הנאה געהאַט פון דער שפּיל. ביז וואַנען עס האָט דערלאַנגט אַהער דאָס געשריי פון דער קיך און אַלעם איבערגעשלאָגן. דאָס האָט די אַלטע סטערווע, די באַלעבאָסטע פון פּענסיאָן, געשריגן אויף די דינסטן. אַ, זי פלעגט זיי אויסרייסן, די אָרעמע, מיט איר שווידערלעכן פּיסק, זיך געבאָדן אין זייער בלוט, זיי געשאָלטן מיט טויטע קללות און זיי אומגעטריבן — פון פאַרטאָג, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, נישט געלאָזן זיי איין רגע אָפּרוען... דאָס פלעגט אָפט די גרעסטע אַרויסברענגען פון געדולד, דערעיקרשט — דעם וואוילן ווייבערניק, דעם נואף ישראל, וואָס האָט זיך גאָרנישט געפּרוּווט אויס־באַהאַלטן מיט זיין סימפּאַטיע פאַר זיי, די טעכטער פון שוואַכן מין... נישט געקאָנט אַריבערטראָגן מער אירע שרעקלעכע זלזולים; און ער, אַ ידען, קענטיק, אין די קליינע אותיעלעך, האָט איר געוואָלט איינגעמען מיט גוטן, איר געפּרוּווט אויפווייזן, וויאַזוי זיי, די שוואַרצע קינדער פון פאָלק, זייערע טאַטעס און זיידעס פונאַמאָל זענען עס די אמתע האַרן פון דער ערד און פונעם לאַנד; און שפּעטער, ווען דאָס אַרגענטינער פאָלק האָט גענומען שמידן די אייגענע געשיכטע, זענען זיי, די פאָלקס־לייט, געווען די ערשטע און אפשר אויך די איינציקע, וואָס האָבן געגעבן זייער בלוט פאַר דער באַפרייונג... אָן זיי — ווער ווייסט, וואו מיר וואָלטן נאָך היינט געהאַלטן מיטן לאַנד — געווען צו אַ וויסטע גליק!...

אָבער אַלע רייד האָבן נישט געהאָלפן. זי האָט נישט אויפגעהערט צאַפּן דאָס חיות פון אירע דינסטן, רייסן פון זיי לעבעדיקע שטיקער. עס האָט איר, קענטיק, פאַרשאַפט אַ גרייליכע בעסטיאַלישע לוסט, אַט דאָס פּייניקן, דאָס מאַרדעווען און באָדן זיך אין עמיצנס וואַרעם לעבעדיק בלוט... אַז זי האָט שוין גאָרנישט געהאַט, וואָס צו טאָן, די חיה, פלעגט זי אַרויסנעמען אירעם אַ פייגעלע אַ קאַנאַריקל פון אַ שטייגל און עס פאַר־שפּאַרן אין אַ טשייניקל, צי אַ גלאָז, דאָרט עס געהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז דאָס אָרעמע באַשעפעניש פלעגט פאַרוואַרפן מיטן קעפּל, אָפּגעבן דאָס לעבן... זי איז געווען אַ בייזע שלאַנג, און מע האָט זיך געהיט פאַר איר צונג. דאָ, אינעם שטעטל האָט איר דאָס פאָלק געהאַסט, ווי אַ שפּין; און מע פלעגט שיקן צו איר אַ קינד פאַר אַ דינסט — נישט פריער, סיידן דער הלף איז שוין געלעגן אויפן האַלז... סיי ווי, האָט מען געוואוסט, איז עס נישט אויף לאַנג, ווייל מער פון געציילטע פאַר וואָכן האָט אַ דינסט־מיידל זיך שוין נישט געהאַלטן בא איר; געקאָנט פּלאַצן די גאַל; און מע האָט אַלץ געוואָרפן און אוועק...

ווען איר פאַרגאַנגען לעבן זענען געווען קלאָנגען אַלערליי. פונוואַ־נען האָט זי זיך דערנומען אַהערצו? און וואו איז געווען איר לעבן אַ־

פריער?... מאַנכע האָבן געוואוסט צו דערציילן, אַז זי האָט פאַרייאָגט איר מאַן פון זיך; צי גאָר זי אַליין איז אַוועק פון אים, מיטגענומען מיט זיך דאָס קינד, אים געלאָזן אַליין, און דאָס זאָל יענעם האָבן געטריבן צו זעלבסטמאָרד... קיין גענויעס, פאַרשטייט זיך, האָט קיינער נישט גע־קאָנט קאַווירן. זי אַליין האָט געשוויגן וועגן דעם, און רק געשאָלטן האַק און פּאַק, געשיקט די גאַנצע וועלט צום טייוול, אויסגעלייגט תמיד אַלץ באַ יענעם צום שלעכטן, און זיך געפּרייט מיט יעדער שלעכטער בשורה, וואָס פלעגט צו איר דערגיין וועגן מענטשן, אידן צי גויאים באַגלייך...

באַטאָג, ווען די היץ איז געפאַלן, פלעג דער עולם געסט, דערעיקרשט — די רירעוודיקע אַוועק קלעטערן אין די בערג.

שוין גלייך אַפן צווייטן טאָג, האָט דאָס גענומען טאָן דער צוגעפאַרע־נער לערער... מירן זיך אַריבערטראָגן, אַ מאָמענט, אין זיין געמיט, כדי צו קענען דערגיין עפּעס פון אים און פון זיין לעבן... ער איז געגאַנגען אַליין אין די בערג, אַ איינזאַמער, נאָר ווי אַן אייגענער; אַריינגעדרונגען אַלץ טיפער אין די לאַבירינטן, אַרויפגעשטיגן אַלץ העכער צו די שפּיצן, און געגידערט פון די הויכן — אין די טאָלן. ער פלעגט זיך אַפּזאַמען דאָרט לאַנג־לאַנגע שאָען, זיך צוקוקן צום אויפבלי פון לעבן, צום גראַנ־דיעזן אויפמאַרש פון די פרייע שטורעמס און רעגנס אין די בערג. ניין, עס פלעג אים נישט אָפּשרעקן דער פייערלעכער צעשפּיל פון דער נאַטורס עלעמענטן — זינט אייביק אַזוי; ווי די זיילן פון דער וועלט... ביז אַלעס, דאַכט זיך, האָט גענומען ווערן איינגעשטילט; און ער האָט ווייטער גע־דרונגען טיפער אַלץ אין דער בערג־לאַבאָראַטאָריע, העכער אַרויפגעשטיגן, מיט וועגן און אומוועגן, און נאָך העכער; ביז ער פלעג בלייבן שטיין, גע־קוקט פון אויבן אַראָפּ אַף ריזיקע בערג אינעם תהום, וועלכע זענען איצט — דאָ, פון זיין הויך, וואו ער האָט געגרייכט — פאַרגעקומען ווי בערג־שפּילעכלעך אַלציינס, קליינע שיינע קאַרטינקעלעך... שעפּסעלעך טשערע־דעס אָן אַ שיעור פּאַשן זיך דאָרט אין דער טיף... אָפּגעמאָלן, ווי עס לעבט... אַרום, וואו נאָר דאָס אויג זיינס האָט געאָנט — בערג איבער בערג, בערג אין בערג, בערג אונטער בערג, אין מאַוימדיקער גראַנדיעזער שווייגזאַמקייט, אין שווערער אייביקער טראַכטונג — עקסטאַז, געפּלעפּט אין דער געטלעכער שטילקייט, וואָס האָט אַצינד גערעדט אין די בערג... עס איז געווען גאָטס קול אין דער לופטן, ווי עס האָט אומגעשוועבט... עס ווענען געווען — אַט די ריזיקע וואולקאַן־אויסברוכן — גאָטס געשריי אי־

בער זיין; איבער זייער גליווער, פאר שרעק; אָ, ניין — איבער זייער אייביקן שווערן גאנג אין פאָרויס... ער אַליין, דער פרעמדער גאַסט אין די בערג, פלעג בלייבן שטיין לאַנג אַזוי, געוויינט מיט גוטע זיסע טרערן פון געריידטקייט... פאַרנאַכט, אַז די זון האָט זיך גענומען זעצן, ווי דערנענטערן אַראָפּלאָזן זיך צו דער וועלט, — האָט ער גענומען נידערן פון דער הייך, מיט די וועגן, וואָס האָבן געפירט צום טאָל. ער איז געווען אַליין ערשט, דאָ, צווישן הימל און ערד, אַזוי ווי באַפרייט פון מענטש און וועלט, געלאָזן אַליין צו זיך, צו זיין הארץ, צו זיין געמיט, צו שפּיגלען זיך אין דעם... וואָס וויל ער, דער פרעמדער, אין די בערג? וואָס גייט ער אום? וואָס זוכט ער דאָ ארום? צי האָט ער זיין יוגנט וואו פאַרשפּילט, זיין לעבן, און אַצינד בלאָנקעט ער דאָ אום, אַזוי ווי יפתחס טאָכטער, און ער באַוויינט עס?!.

...אין איין קליינעם טאָל, וואָס האָט געקוקט, ווי אַן אויסגעשלאָגענע לאַנקע אין דעם בערג־וואַלד ארום, איז ער געבליבן זיצן, אַ מידער פון דעם וואַנדער, נאָכן טאָג — אַף אַ שטיין, געבליקט צו דער געלייטערטער שפּיגל־וויזיע אין דער לופט... לעבן אים, אַף יונגע ליפּע־בוימער האָבן פייגל־אַלערליי נעסטן געדעקט, געוואָרעמט קינדערלעך צום לעבן... איבער זיין קאָפּ האָבן אויגן צווי געוואַכט, די זון — איינס, אַ קאַביקס, אַ צעגליטס; און די לבנה מיט איר בלייך געזיכט; ווי אַכטונג געטאָן אַף זיין לעבן, זיין יעדן שריט... און די שטילקייט ארום האָט גערעדט, געשעפּטשעט, געמורמלט סודותפול פון מיסטעריען... מיטאַמאָל, האָבן זיינע אויגן פאַר זיך דערזען אַ שוימיקן וואַסערפאַל פון אַ באַרג. עס האָט יאָגערוישט און נישט־גערוישט דאָס שוימיקע פאַלן פונעם וואַסער, וואָס איז פאַרשוואונדן ערגעץ־וואו אונטן, אין אַ תהום... גיכער האָט עס אויסגעזען, אַט דאָס שטילע פאַלן פון די וואַסער־פלאַכטן אַנטקעגן, אַזוי ווי עמיצנס — אַ פאַרבאָרגענעמס, וואָס מע קאָן נישט זען זיין געשטאַלט — שניי־ווייסע ריזיק־לאַנגע באָרד, וואָס טוט וואַקסן אַצינד — אָ, קוק צו דאָס וואונדער! — דיר אַפּן אויג... און איבער דער לעבעדיקער דער שוים־צאַפּלדיקער באָרד האָבן זיך קליינינקע געלינקע פייגעלעך געטאָן גליטשן פון אויבן אַראָפּ, זיך געשפּילט מיטן זיידעשי און צוגעצוויטשערט אַ געזאַנג... אַזוי איז ער אַנדרימלט געוואָרן אַף יענעם שטיין, קוקנדיק... ביז, די מאַמע־זון איז צוגעקומען גאָר־נאָענט צו זיין האַרץ, אים באַרירט... שטיי אויף, מיין קינד... אָ, זאָג, וואָס טוט דיר וויי... וועט דיר מאַמע מיט קושן פאַרהיילן דעם וויי...

ער האָט דערוואַכט; זיך גענומען אומקערן אַהיים. פונפאַרנט, אין די בערג, וואָס באַם וועג פונעם שטעטל, איז געווען געשטעלט אַ ווייסער

מאַרמאָרנער קריסטוס־מאָנומענט. ער האָט געהאַלטן אויסגעשטרעקט זיי־נע הענט צו דער וועלט און זי געבענטשט... דער לערער האָט ליב געהאַט צו פאַרגיין אַהין, שטיין לאַנג און קוקן אַפן בן־אָדם, דעם פרייען דערלייזטן מענטש, וועמעס ליכטיקער קאָפּ האָט זיך געבאָדן אייביק אין הימל־בלוי, שיין און שטורעם... ער איז דורכגעגאַנגען אַלע שטורמען פון דער צייט, און ער איז דערפאַר אייביק פאַרבליבן לעבן פאַרן מענטש... פ ו ן דעם וויגעלע אין בית־לחם, ביז אַף היינט... נאָר — מאָדנע. דאָס אַלץ זעט ער צו אַזוי לויטער און קלאָר, ווען ער איז אַליין מיט אים, ביחידות... קוים אָבער גייען אָן מענטשן, נעמען קניען פאַר אים, טוען בעטן, — אַזוי פאַר־שווינדט גלייך זיין אייביק לעבן פונעם אויג... זיי, די מענטשן, האָבן אים געקרייציקט. זיי האָבן אים געטויט, זיבן מאָל דורכן טאָג...

*

געקומען דער אָוונט; פלעגט זיך דער עולם געסט ווידער נעמען זאַמ־לען אַף דער וועראַנדע, צעזעצט אַף די שטרויענע וויג־שטולן, געטיילט מיט די איינדרוקן פון טאָג.

...דאָס וואָילע אידל דער ווייבערניק האָט אַזוי לאַנג נישט גערוט, ביז ער האָט ענדלעך אויסגעשנאַפּט עפּעס פון דעם מיסטעריעזן פרעמדן מאַן, דעם לערער... ווייזט אויס, אַז דאָס האָט אַ שייכות צו דער הארנטע פון הויז... ער אַליין האָט אונטערגעהערט, נעכטן שפּעט באַדערנאַכט, אַז דער גאַנצער עולם איז זיך שוין געהאַט צעגאַנגען שלאָפן, — וויאַזוי זי, די אישה, האָט אים געוואַשן, דעם העכט... אים אַריינגעשיפּעט וויראַזשנע, אַז — ...„בלויז איבער אים איז איר לעבן אונטערגעגאַנגען. האָט זי פאַר־שפּילט איר וועלט..." און דער יונג, פון זיין זייט, האָט אויך אונטערגע־לייגט אַ קנייטל. ער האָט גערעדט צום פרעמדן, מיט אַ ציטערדיק קול:
— ...„איר האָט פאַרסמט מיין האַרץ. אָן גלויבן איז נישטאָ קיין גליק... מיט אייערע רייד, האָט איר אין מיר אָפּגעטויט דעם גלויבן אין גאָט... וויפל איך האָב נישט דערנאָך צעאַרבעט מיט מיין קאָפּ, ער זאָל מיר אומקערן דעם גלויבן — און עס העלפט נישט. עס בלייבט דאָס האַרץ טויט... וואָס האָט איר געהאַט צו מיין לעבן?!." דערנאָך, האָט די פרוי געוויינט און געטענהט: — ...„וויפל איז דער שיעור אומצובלאָנקען אַליין אַף דער וועלט?... און ער אַליין איז דאָך שוין אויך נישט קיין קינד!..." יענער, צו וועמען די אַלע רייד זענען געווען געוואָנדן, האָט זיך נישט אָפּ־גערופן מיט קיין וואָרט, די גאַנצע צייט... ביז, עס איז אַלעס געוואָרן שטיל...

אַט די לעצטע פראַגע פון דער פרוי: „— וויפל איז דער שיעור אומ־צובלאָנקען אליין אַף דער וועלט?... ער אליין איז דאָך שוין אויך נישט קיין קינד!...״ — האָט דער וואוילער ווייבערניק, ערשט באַם דערציילן, גענומען און זי איבערגעזאָגט נאָכאַמאָל, אין דער שטיל, פאַר זיך. גע־בליבן דערנאָך זיצן פאַרטראַכט, אין זיך פאַרטאָן...

אצינד האָט די לאַנגע גענומען ווערן געשפּאַנט, אלעמען פאַרינטרי־גירט.

אַף צומאָרגנס, ווי אָן אַ זיי־געזונט, האָט זיך אויפגעהויבן דער פרעמ־דער, דער לערער, און ער איז אוועקגעפאָרן. עס האָט אים קיינער נישט געשטערט... אָבער אלץ איז געוואָרן נאָך געשפּאַנטער פון פריער. די איני־טריגע האָט זיך איצט ווייראַזשנע גענומען דרייען, אלעמען אַפן אויג, ארום דעם וואוילן ווייבערניק; זיינע צוויי פרויען, מאַמע און טאָכטער, וואָס זענען אים געהאַט נאָכגעפאָרן ביז אהער, זיך נאָך אלץ נישט געקאָנט איינטיילן מיט דער ירושה, נאָר ער אליין האָט זיך שוין מער נישט אומ־געקוקט אַף זיי, געוועז גרייט זיי משלח זיין ביידן — צו יעדער מינוט; און דער הארנטע פון פּענסיאָן... דעם עולם האָט זיך געשושקעט און גע־ווארט, אַ ליאַדע טאָג, אַף נייס...

ביז עס האָט אויסגעפּלאַצט פאַרן גאַנצן הויז דער סוד, אַז — ער אליין, דער גאַנצער צעלייגער דער ווייבערניק, איז גאַרנישט אזא עושר, ווי ער מאַכט זיך... רעכט, היינט־מאָרגן, זאָל ער אוועק פון דאַנען אָן די תחתונים...

דאָס דערהערט, האָט מען נישט געוואוסט: — גלויבן, צי נישט?... ער אליין, דער בעל־דבר האָט געשוויגן... אַף די באַקאַנטע מאַמע און טאָכ־טער האָט גענומען ציטערן די הויט. זיי האָבן זיך דערזען ביידע אַפן וואַ־סער... זיי האָבן באַלד אָפּגעלייגט די מלחמה צווישן זיך אָן אַ זייט, און גענומען גאַנץ־פאַרזיכטיק בּאַ אים אָנטאַפּן דעם דופק: — מה יקר?... איז די טייטש: — וויפל, אַ שטייגער, איז ער גרייט איינצוצאָלן אָטשעפּנאַיע — אַז זיי זאָלן אים צורו־לאָזן ביידע?...

נאָר, ער אליין, דער מאַנספּאַרשוין, האָט זיך גאַרנישט געלאָזן רעדן. זיי אזוי־ווי נישט דערקאַנט... און זיי, די געשלאָגענע נשים, האָבן זיך קוים באַ אים איינגעבעטן, מיט טרערן אין די אויגן, אַז ער זאָל זיי כאָטש אויסצאָלן די הוצאות אַף צוריק־צו־וועגס קיין ב. איירעס...

אזוי זענען זיי אוועקגעפאָרן; אים, מיטיינמאָל, געלאָזן פריי...

„...וויפל־זשע איז דער שיעור, טאַקע נו, אומצובלאָנקען אליין אַף דער וועלט? ער אליין איז דאָך שוין אויך נישט קיין קינד!...״ אַט די

פראַגע איז אים נאָכגעגאַן ערשט אומעטום, נישט געלאָזן מער צורו... בלויז ער אַליין האָט געוואוסט פונעם סוד, וויאַזוי — ער פירט דאָ יעדן אין באַד, און דערעיקרשט — דער סאַמע האַרנטע פון הויז... — ער איז אַ קבצן מיט דריקעס! — אָט דאָס איז דער ריינער אמת. נאָר, זי, דער־ווייל, טאָר דערפון נישט וויסן — כאָטש זי אַליין האָט געהאָלפן דעם קלאַנג פאַרשפּרייטן... געוואָלט, גלייך ווי ער, משלח זיין יענע צוויי אָנ־שיקענישן, כדי נישט צו האָבן קיין שטער צו זיין געלד... אַצינד, וועט מען זען, וואָס מע האָט צו טאָן... אָ, ער איז אַזוי מיד; ער גאַרט נאָך רו... נאָר, צי וועט ער, אָ, זיין רו בא דער אַ שלאַנג געפינען?!.

עס איז געווען איין אָפּדערנאַכט. ער האָט צוריקגעקערט פון די בערג, אַ דערשעפּטער, אַ פאַרשפּעטיקטער. דערציילט, אַז ער האָט געבלאָנזשעט — כאָטש, ער אַליין הויבט נישט אָן צו באַגרייפן, וויאַזוי; ווייל ער גייט דאָרט אַרום, יעדן טאָג; איטלעכס ווינקעלע איז אים באַקאַנט, נאָענט... עס איז געווען פאַרנאַכט; גענומען ווערן טונקעלער אַלץ... פּלוצים, האָט ער זיך געגעבן רעכענונג, אַז ער ווייסט נישט, וואו ער געפינט זיך... און מיטיינמאָל — איז פאַרשוואונדן די גאַנצע היימישקייט פון אַרום, און פון זיין געמיט... עס האָט זיך אַ טו־אָפּ־געטאָן פון אים זיין זיכערקייט פון תמיד, ווי ער איז געווען געוואוינט, ער האָט געטראָטן פעסט און שטאָלץ איבער די בערג, ווי ער האָט געהערשט איבער זיי... אַצינד, וואו איז דאָס אַלץ אוועק?!. עס האָט אַ ווילדע פרעמדקייט געווייעט פון אַלע זייטן, גע־טריבן אַ קעלט אין די ביינער — וואו איז ער דאָ אין דער וועלט?!. פּלו־צים האָט ער פאַרנומען אַ שרעקלעך גרויזאַם געלעכטער זיך קאַטשען אי־בער באַרג און טאָג... „— ווער לאַכט עס דאָרט?! — האָט ער אַרויסגע־ברומט, מיט שוידער. „— עס לאַכט דער, וואָס לאַכט דער לעצטער!...״ — איז געווען דער אָפּשפּעטנדער ענטפער... ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַהער, אַהין... און גאַנץ־אומגעריכט, האָט זיך דערטראָגן צו זיין אויער אַ קריי פון אַ האָן... אָ, גאָט!... ער האָט זיך געלאָזן לויפן נאָכן רוף... עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט מאָדנע: אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי נאָענט פונעם ישוב, ווי איצט. בסך־הכול, צוויי שפּאַן פונעם וועג...

...פון זיין דערציילן, האָט מען נישט געדאַרפט זיין קיין טרעפער צו זען, וויאַזוי ער האָט געציטערט, דער העלד, דער דזשונגל־יעגער, צו פאַרבלייבן אַליין אַ נאַכט אין די בערג — טאָמער פּאַקט אים אַ פּומאַ און בייסט אים אָפּ אַ האַלבע פּולקע פונעם גוף...

נאָר, אַז ער האָט געענדיקט און זיך אַרומגעקוקט, — איז ער גע־
בליבן אַ פאַרשטאַרטער פאַר שרעק... ער האָט געטראָפן אַף זיך אָנגע־
שטעלט די שאַרפע גרינע פאָר בליקן פון דער האַרנטע, וועלכע האָט, אַציגד,
מיט איר בייז געזיכט, אויסגעזען, אָ, ווי יענע שרעקלעכע פומאַ אַלציינס
פון זיין דמיון אין די בערג, פונוועמעס נעגל און ציינער, ער האָט גע־
רעכנט, אַז ער האָט זיך שוין געראַטעוועט; נאָר — אין די לאַפּעס פון
וועלכער, אָ, ווי איז צו אים, ער גייט ערשט צולעצט אַריינפאַלן, און עס
וועט שוין צו זיין לעבן קיין רעטונג מער נישט זיין...

ליטמאַן, דער קינדער־דערציילער

(געשריבן, 16־טן סעפטעמבער, 1936)

שוין לאַנג, אַז איך האָב געזוכט די געלעגנהייט אַרויסצוזאָגן מיין מיינונג וועגן דעם קינדער־דערציילער ליטמאַן; מיין מיינונג, אַלס לייענער און אויך אַלס לערער. איך וועל דאָ קאָנסטאַטירן, אַז ליטמאַנס ביישטייער פאַר די אידישע שולן אין אַרגענטינע איז פון גאָר־גרויסן באַטייט. ליטמאַן האָט געהאָלפן לייזן אַסאַך פּראָבלעמען אין דער אידישער שול. ער האָט געהאָלפן דעם לערער אַריינצוברענגען פרייע אומגעצווימטע פרייד אין די רייען פון די שילער. ער האָט אויך געהאָלפן דעם לערער אויסצוגליכן זיינע סיכסוכים מיט די קינדער. אין גאָר־שווערע מאָמענטן, ווען די אָנגעצווינגנקייט צווישן לערער און פאַראַקשנטע קינדער איז געוואָקסן; און קינדערשע הערצער האָבן זיך פאַרשלאָסן פאַרן לערער אויף אַלע זיבן שלעסער; און עס האָט אַ בלאָז געטאָן מיט פרעמדקייט צווישן דעם לערער פון די אַלטע היימען און די אַרגענטינער־געבוירענע קינדער פון אידישע עלטערן, — איז גענוג געווען, עס זאָל אַ שיין טאָן ליטמאַנס אַ זוניק מייסעלע אין שול, און עס איז געשען דעם נעס: קינדערשע פענימער האָבן זיך אויסגעלייטערט, קינדערשע הערצער האָבן זיך אויפגעשלאָסן, זיך גענומען שטרעקן קינדיש־צערטלענדיק צום לערער, וועלכער איז, מיטיינמאָל, געוואָרן אַזוי ליב, טייער, נאָענט און, דעריקערשט, אייגן פאַרן קינד, אַזוי כאַוועריש־אויסגעגליכט מיטן קינד אַליין. וואָס, מיינט איר, האָט פּאַסירט? דער לערער, דער זעלביקער לערער פון שטענדיק, האָט גענומען פאַרלייענען ליטמאַנס אַ מייסעלע, און עס האָט אים אַליין, אַלס לייענער, אַזוי שטאַרק צענומען, פאַרוואַנדלענדיק דאָ אים אַליין אין אַ קינד.

איך האָב דערמיט געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז ליטמאַנס מייסעלעך זענען אָפּט אַזוי קלאָר און לויטער־דורכזיכטיק און איינגעשטילט־רואיק, אַז עס ציט זיך צו שפּיגלען אין זיי נישט נאָר קינדער אַליין, נאָר אויך דערוואַקסענע, וועלכע ווערן דערביי אַליין פאַרשטילט, צעשמייכלט, פאַר־קינדישט.

אין וואָס באַשטייט דאָ די קראַפט? — עס איז אַלט־באַקאַנט, אַז די אידישע קינדער־ליטעראַטור אין אַרגענטינע האָט זיך נישט אָנגעהויבן מיט ליטמאַנען. שוין אַסאַך יאָרן פאַר אים, האָבן אַנדערע דאָ געאַקערט דעם באָדן, געזייט און אַרויסבאַקומען פּרוכטן; און אָט דאָס אַלץ איז צו־געגאַנגען אַזוי נאַטירלעך, אַז, בא דער גאַנצער אויפמערקזאַמקייט, וואָס עס האָט צו זיך אַרויסגערופן, האָט עס אָבער קיינעם נישט איבערגעראַשט.
ליטמאַנס אויפטריט, אַלס קינדער־דערציילער, האָט אָבער יאָ אַלעמען איבערראַשט. עס איז פאַרגעקומען, ווי דאָס פּלוצימדיקע אויפשלאָגן פון אַ טיפן קוואַל אַרויפצו, צו הימל און זון, מיט יובלדיקער, קוואַליק־קינדער־שער פרייד, אויפנעמענדיק אין זיך שימערירנדיק אַלע קאָלירן פונעם רעגנ־בויגן. און פאַרן דאָזיקן קוואַל זענען געבליבן שטיין, איבעראַשטע, מיט אָפענע מיילער, יונג און אַלט. עס זענען אַלע מיטגעריסן געוואָרן מיט דער קוואַליקער פרייד, וועלכע איז דאָך אויך געווען, פּונקט אַזוי נאַטיר־לעך, ווי הימל און וואַלד און זון און פרילינג־געזאַנג, — פאַר קינדער און דערוואַקסענע אַלציינס.

וואָס איך האָב דערמיט געוואָלט זאָגן? — אַז ליטמאַן האָט איבער־געראַשט אַלעמען מיט דער נאַטירלעכקייט פון זיינע מייסעלעך, וועלכע קומען אַרויס בא אים, ווי איר ווילט, אָבער אַף קיין פאַל נישט — ליטע־ראַריש. דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי זענען די אוממיטלבאַרקייט אַליין; זיי זענען דירעקט קינדיש, אָן דעם מינדעסטן איינפלוס פונעם שרייבער, פו־נעם ליטעראַט, וועלכער עקזיסטירט דאָ ביכלאַל נישט. עס איז דאָ נישטאָ קיינער מער, אויסער דעם קינד אַליין — אין צענטער פון דער זעונג, און ערשט דורך דער קינדערשער פּריזמע ווערט געוויזן די וועלט מיט די מענ־טשן, וועלכע שפּיגלען זיך אין קינדישער קוואַליקער פרייד און באַקומען אַלע רעגנבויגן־קאָלירן, אַלץ דורך די אומבאַרירטע־נאַך קינדערשע אייגנ־שאַפטן אַליין.

איך וויל האָבן דערמיט, אַז ליטמאַן האָט געשאָנקען פאַרן קינד די גרויסע מאַטאָנע פון דער פרייהייט. ער האָט אים באַפרייט, דעם אידישן קינד, פון טויזנט־יאָריקע לאַסטן, פון שווערע מאַרעשכוירעדיקע לערערס מיט זייערע לערעס, וואָס האָבן שטענדיק אָנגעגריפן דעם קינדס מאַרך און געפילן, זיך געוויקלט אַרום די זעלבע, ווי די קייטן, ביז זיי איז געלונ־

גען צו פּענטעו דאָס קינד, אים נעמען געפאַנגען. אָט די זשאַוועה־פּענ־טעם האָט ליטמאַן אַרונטערגעריסן; און דאָס באַפרייט־געוואָרענע קינד האָט ער אומגעקערט צו זיין אומשולדיקער קינדהייט, צום אָנהויב פון זיין עקזיסטענץ; ווען דאָס קינד שפּירט, אַז ער איז דער צענטר פון אַלץ, דער אָנהויב פון דעם וועלט; דער הערשער און באַפעלער, וועלכער שפּילט זיך מיט זונען און טרייבט אָן רייטנדיק די לעוואָנעס, אַלץ צו זיין גונסטן וועגן, און אָן דעם מינדעסטן ציל — עפּעס דערפון צו לערנען...

ליטמאַן האָט אומגעקערט דעם אַרגענטינער אידישן קינד זיין פרייהייט דורכדעם, וואָס ער האָט אים, מיטאַמאָל, באַפרייט פון אַלע יערושעס פון אַלטע היימען; דורכדעם, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן דער קינדערשער פּלאַנץ אירע רעכט אַף זון, היים און פרייד; דורכדעם, וואָס ער האָט צו אים גע־רעדט, אַז זיין אָנהויב איז דאָ!

עס הייסט, אַז ליטמאַן האָט דאָ געהאַט צו לייזן שווערע פּסיכאָלאָגי־שע פּראָבלעמען, סיי פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער, סיי פון ספּעציפיש־אידישן. ווייל מע מוז דאָך נאָכגיבן, אַז אַנדערש איז דאָס קינד פון על־טערן, וואָס וואוינען פון דוירעס אין זייער היים־לאַנד; און עפּעס אַנדערש איז גאָר דאָס אידישע קינד אין אַרגענטינע, דאָס קינד פון אייגעוואַנדער־טע פון אַלטע היימען, וואָס זענען ערגעץ־וואו צעשטערט געוואָרן; פון ערגעץ אויסגעריסן געוואָרן, פון אייגענעם פאַמיליע־שטאַם אָפּגעריסן גע־וואָרן און געוואָרן פאַרוואָרפן אהער, אין נייע היימען, וועלכע דאַרפן ערשט אויפגעבויעט ווערן, אַנגעפילט ווערן מיט נייעם לעבנס־שטייגער.

עס איז קלאָר פאַר יעדן, אַז דער פּראָצעס פון היים־ווײ און פון בענק־שאַפט אַף צוריק איז זייער אַ שווערער און פיינלעכער און ער שטערט אַף אַסאַך דעם צווייטן פּראָצעס פון פאַרפלאַנצונג אינעם באָדן פון די נייע היימען, קעדיי צו נעמען אויפגיין אין בלי און אין וואוקס און ווערן די נאַטירלעכע טייל פונעם גאַנצן אַרום. די אידישע ליטעראַטור פון די ערשטע יאָרן פון איינוואַנדערונג איז, אין איר גרעסטער טייל, געווען פאַרפלייצט פון בענקשאַפט צו דער אַלטער היים. די ליטעראַטור האָט בלויז געזען די וויזיעס פון יענער זייט יאַם און געלעבט און געשפייזט געוואָרן פון אירע אייגענע האַלוצינאַציעס, וועלכע האָבן פאַרשטעלט פאַר איר די עמעסע, די רעאַלע שיין פונעם טאָג. עס האָט געהייסן, ווי מע איז אויסגעריסן געוואָרן פון אַ אייגענעם מענטשלעכן אישעוו און געוואָרן פאַרוואָרפן אין אַ פרעמדער אויסגעליידיקטער וועלט, וואָס שרעקט און מאַכט פאַרלאָרן. עס איז, דאַריבער, אויסגעקומען, אַז קעדיי נישט צו פאַרשלונגען ווערן פון דער פרעמדער וועלט און טאַקע גיין פאַרלוירן, דאַרף מען אויפבויען דאָ דעם סוראָגאַט פון דער אַלטער היים, אַף וויפל ע־

וועט זיך נאָר לאָזן בויען און נישט אפּערקומען, ווי אַ קריפּל און ווי אַ גראָטעסק־שפּילעכל — און צו דעם פאַלשן, נישט־נאַטירלעכן ערזאַץ־לעבן וועט מען זיך דאַרפן טוליען, אַטעמען די לופט פון דער פאַרגאַנגענהייט און איינרעדן זיך און יענעם, אַז — „עם ישראל חי!" — דאָס אידישע פאָלק לעבט אומעטום.

עס איז אָבער געוואָרן קלאָר, מיט דער צייט, און באַזונדערס פאַר מענטשן, וואָס באַזיצן אָריענטאַציע, אַז דער לעבנס־שטייגער פון די נייע היימען קאָן און טאָר נישט ווערן נעגירט, פּונקט אַזוי גוט, ווי אונדזער ניי־מאָדערן לעבן פון דער אַלטער היים דאַרף נישט אַרויסגעוואָרפן ווערן אין יאַם אַריין, נאָר עס דאַרף אַהער געבראַכט ווערן, און דאָ זאָל מען פּרובירן זוכן אַ סינטעז פון אונדזער אידיש פּראָגרעסיוו לעבן מיטן פּראָגרעסיוון לעבן פונעם לאַנד, קעדיי עס זאָלן, ענדלעך, קענען אַרויסגעבראַכט ווערן די קאָנטורן פון אַ נייעם אידיש־פּראָגרעסיוון לעבנס־שטייגער דאָ, אין דער נייער היים.

עס האָט זיך, דאַריבער, באַקומען אַזוי, אַז די אידישע שרייבער אין אַרגענטינע, וואָס שרייבן קעסיידער פון דער אַלטער היים, טוען זיי דאָס דערפאַר, ווייל זיי זענען נאָך נישט פאַרפּלאַנצט; ווייל זיי גייען אום אָפּן אוילעם־האַטויע; ווייל זיי האָבן זיך נישט באַהעפט מיטן אָרטיקן לעבן; און נישט פון זיי וועט מען קענען דערוואַרטן הילף. די הילף וועט קומען פון די, וואָס פאַרפּלאַנצן זיך און הויבן אָן פונדאַסניי. דאָס נייע לעבן דאָ איז געגליכן צו אַ ניי לעבן ביכלאַל, צו אַ ניי־געבוירנס; און ריכטיקער זיך אויסגעדריקט, עס איז געגליכן צו אַ ניי־אַנטשטאַנען פאַמיליען לעבן, מיט אַלע זיינע סימפּטאָמען פון בענקעניש צו עלטערן, צו דער פריערדיקער היים. און עס בלייבט אַזוי לאַנג, דאָס נייע פאַמיליע־לעבן, נישט אויסגעפּילט, נישט דערגאַנצט און נישט אינגאַנצן באַגרינדעט, ביז עס ברענגט ניט אַרויס פון זיך די פּרוכט פון דער פאַרפּלאַנצונג — דאָס ניי־געבוירענע קינד, וואָס באַרעכטיקט אַלץ, וואָס באַגרינדעט אַלץ, וואָס באַלויכטעט אַלץ.

ווען דער אַרגענטינער אידישער אישעוו האָט זיך באַהעפט מיטן נייעם באָדן, איז נאָך דאָס לעבן פאַרבליבן נישט אויסגעפּילט, נישט דערגאַנצט און נישט אינגאַנצן באַגרינדעט. עס האָט געפעלט די פּרוכט פונעם נייעם לעבן, דאָס ניי־געבוירענע קינד, די נייע קינדישע שאַפונג, וואָס זאָל אַלץ באַרעכטיקן, באַגרינדן, באַלויכטן. עס האָט געהייסן, ווי דער נייער אידישער אישעוו מאַכט זיין רוף צו דער אידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע, זי זאָל אים, דעם אישעוו, באַלויכטן זיין לעבן און באַגרינדן זיין עקזיסטענץ. עס האָבן אַצינד באַדאַרפט קומען נייע פּאָעטישע ווערק,

בעריישיסדיקע, קלאָרע, קינדיש־לויטערע און פריידיקע, וואָס זאָלן אויס־זינגען די פרייד פונעם נייעם אָנהויב און אָנזאָגן דעם וואוקס אַף ווייטער.

איינער פון די געציילטע, וואָס האָבן דערהערט דעם נייעם רוף פור־נעם היגן אידישן לעבן און אַפן זעלבן געענטפערט מיט אַזויפיל טאַלאַנט און אינטואיציע, איז געווען ליטמאַן, דער קינדער־דערציילער. געוויס איז ער געשטאַנען פאַר דער לייזונג פון אַ רייע ערנסטע פּראָבלעמען, אַלגע־מיין־פּסיכאָלאָגישע, סאָציאַלע און קולטור־נאַציאָנאַלע. דער נייער אידי־שער אישעוו האָט נישט אויפגעהערט זיך־איבערגרופּירן אין נייער סאָ־ציאַלער אויסשיכטונג, מיט שטאַרקע אַנטי־פּראָדוקטיווע אָפּנויגן, שטע־לנדיק אין אַסימילאַציע־געפאַר אַלע זיינע ביז איצט דעראָבערטע קולטור־נאַציאָנאַלע אויצרעס.

ליטמאַן האָט צעשלאָגן די אַלע שווערע זאָרגן, צופירנדיק די לייזונג פון די אַלע פּראָבלעמען צום קינד, אין אַלגעמיין, און צום אידישן קינד באַזונדערס. ווי אַזוי? — אָט אַף דעם לוינט זיך אָפּצושטעלן מער־אויס־פירלעכער.

דאָס פרייע נאַטירלעכע קינד איז זאָרגלאָז און ווייסט נים פון קיינע אוממעגלעכקייטן. דאָס קינד באַטראַכט זיך פאַרן צענטער פון עקזיסטענץ, פאַרן אָ נ ה ו י ב פון אַלץ. ער, דער פרייער, איז צו גאָרנישט נישט פאַרבונדן, פון פריער, אָדער שפּעטער; דערפאַר אָבער איז אַלץ צו אים פאַרבונדן, צו אים געהאָרכזאַם און פאַר אים אַליין בלויז עקזיסטירנד. געפינענדיק־זיך אינעם לאַנד פון אַלע מעגלעכקייטן, אָן דיפערענצן און באַשטימונגען,וואָס י אָ און וואָס נ י ש ט , — געפינט זיך דאָס קינד, דעריבער, באַהערשט פון גוואַלדיקער פרייד און פון אומבאַגרענעצ־טן עגאָיזם, זייענדיק, צו גלייכער צייט, אומבאַהאָלפן און בלינד, טאַקע נאָר, ווי אַ קינד קאָן דאָס זיין.

וואָס־זשע איז די אייצע? אים נעמען לערנען, דעם קינד? אים אויפ־קלערן זיין לאַגע אין דער וועלט? זיין סאָציאַלן אָפּשטאַם און זיין נאַטיר־לעכע אָפּהענגיקייט פונעם גאַנצן אוניווערז?

אָבער דאָס קינד ליידט נישט אָרגאַניש קיין לערע און קיינע אידייען; דאָס קינד נעמט אויף אַלץ בלויז אין בילדער און אין קלאַנגען; און, ווען אַפילע דער לערער זאָל מאַלן זיין לעבן בלויז אין די בילדער און קלאַנ־גען, וועט אים דאָס קינד נישט קענען דולדן, ווייל אַ קינד ליידט ביכלאַל נישט קיין אויטאָריטעט.

ווייל מען אָבער טאָר נישט איבערלאָזן דאָס פּאַקטיש־בלינדע און אומבאַהאָלפענע קינד אַף העפקער, מוז מען גיין האַנט־באַ־האַנט מיט זיין נאַטור, און האָבן צוטרוי צו זיין נאַטור, אַז זי אַליין, די נאַטור, וועט

אים שוין פירן צום ריכטיקן ציל, און דאריבער — נישט פארלויפן איר דעם וועג. דאָס אַלץ מיינט צו זאָגן, אַז דעם לערערס, דעם שרייבערס, אָדער וועמענס־איר־ווילט אויפגאַבע איז — אַכטונג צו גיבן, אָבער, אָן דעם, אַז דאָס קינד זאָל עפּעס באַמערקן — אַז דעם קינדס אַנטוויקלונג זאָל גיין אין איינקלאַנג בלויז מיט זיין נאַטור, און טאַקע נישט מער.

און וואָס דערפון באַקומט זיך? — אַלץ.

פונעם מאָמענט, וואָס ליטמאַן האָט אויפגענומען די אינערלעכע שטים פון זיין אינטואיציע, וואָס האָט גערעדט צו אים פון קינד און נאַטור, — פון דאַן האָט ער שוין געקאָנט מאַכן זיין גליקלעכן אַנהויב. אין אַלע זיינע ערשטע קינדער־מייסעלעך קוועלט און עס שיינט בלויז די פרייע אומגעצווימטע וואונדערפולע קינדישע וועלט, וועלכע איז אומענדלעך, וועלכע איז אַזוי גרויס, ווי די גאַנצע וועלט און, וואו דאָס קינד איז דער אַליינהערשער. ער, דאָס קינד, גיט דעם טאָן פאַר אַלץ, פילט אויס אַלץ מיט זיין ווילן, מיט זיינע פאַראָרדענונגען. ער איז, אָפטמאָל, אַפילע שטאַרק גרויזאַם, אַליין נישט כווישעד־זייענדיק, אַז עס איז מעגלעך, אַ צווייטער זאָל ליידן: ווייל אויסער זיך, שפּירט ער, ביכלאַל, גאָרנישט און קיינעם נישט; און אַלץ, וואָס רינגלט אים אַרום, אַנערקענט ער בלויז פונעם שטאַנדפּונקט פון זיין נוצלעכקייט־וועגן; און אַף אַזויפיל האָבן זאַכן, אין אַלגעמיין, פאַר אים אַן עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. עס דאַרף הייסן, אַז אַלץ איז אָפּהענגיק בלויז פון אים, עס הייסט, פון זיין גרעניצלאָזער פאַנטאַזיע, וואָס ווייסט נישט פון דעם אוממעגלעכן; אָבער ער אַליין איז פריי; און דערפאַר, וואָס אַלץ קומט אים, ווייסט ער אַפילע ניט פון צו זיין דאַנקבאַר (געבונדן) צו עמיצן מיט עפּעס, נייערט, פאַרקערט: אַלעם דאַרף דאָך בלייבן דאַנקבאַר צו אים, וועלכער איז דאָך פון אַלץ דער אָנהויב; וועלכער באַלעבט אַלץ מיט זיין פרייד, און באַגליקט אַלץ מיט זיין עקזיסטענץ; ווייל אַלץ האָט אַ שייכעס צו אים, און ער האָט אַ שייכעס בלויז צו זיך אַליין.

און, ווען עס איז אַזוי, ווען שוין דאָ נישט העלפן קיין רייד, ווייל נאַטור איז פון זיי שטאַרקער; און בלויז טאַקע נאָר זי אַליין, די נאַטור, וועט זיך דאָ אַן אייצע געבן מיטן רויען שטיק נאַטור־קינד און עס שטויסן, מיט גוואַלד, צו וויטערדיקער אַנטוויקלונג, עס מיינט, צו סאָציאַלער און אַ־גיוועראַלער דערקענטניש פון מענטש און וועלט. זייער־לאַנגזאַם, און מיטן פרייז פון שווערע ליידן, וועט די נאַטור דעטראָניזירן דעם קליינעם ווילדן, און צעשטערן זיין אַבסאָלוטיסטישע איינבילדונג, און פּרובירן איינפירן, אַף איר אָרט, אַ פרייע סאָציאַלע וועלט־רעפּובליק, וואו ער אַליין וועט נישט געשטערט ווערן אין פרייען צוזאַמענלעבן מיט אַלעמען.

און אזוי וועט זי אים ווייזן, די נאטור די שייכותן זיינע צו טאטע־מאמע, צו כאוויירים, צו געזעלשאפט, צום פאלק און צום לאנד. אזוי, וועט זי אים, אלע מאל, שטעלן אין געפערלעכע פארלעגנהייטן און אין שטארקע צוזאמענשטויסן מיט זיין אומבאגרעניצטן עגאיזם; און זי וועט אים לער־נען נאכצודענקען מיטן אייגענעם סייכל, וואס ער באזיצט און ער דארף אים איבן, קעדיי צו באנעמען שוין אידייאיש זיין באציאלע אנגעהעריקייט צו דער געזעלשאפט, צו דער מענטשהייט, מיט איר צוקונפט, קעגנווארט און פארגאנגענהייט, העט, אף גאר צוריק, אין די פרעהיסטארישע ווייזעס, וועלכע צייגן שוין פאר אים אויך זיין אר־גאניש־ביאלאגישע אנגעהעריקייט צום גאנצן אוניווערז.

ווי מען זעט, איז דער וועג פון דער נאטור זייער א לאנגזאמער און א פיינלעכער, פול מיט שטרויכלונגען און מיט טויזנט־און־איינס אומ־מעגלעכקייטן; וועלכע קענען אבער דאך באקעמפט ווערן פונעם קינד, אדאנק זיין מעכטיקן לערער, דעם נאטירלעכן סייכל; דערפאר וועט דאס קינד אפערקומען פון די לעבנס־געראנגלענישן, וואס ווייטער, אלץ מער געקרעפטיקטער און, וואס מיט אן עמעס, אלץ מער פרייער און זעלבסט־שטענדיקער. דאס קינד — דער מענטש דערוויסט זיך טאקע, אז ארעם און אומבאהאלפן איז געווען זיין קינדישע פאנטאזיע, וועלכע האט זיך גע־פרואווט, אזוי קינדיש־אומשולדיק, צו דאמינירן די סטיכיע; דאס קינד — דער מענטש דערוויסט זיך אבער, גלייכצייטיק, אז, מיט דער הילף פו־נעם סייכל, וועט ער דאך אומשטאנד זיין צו באהערשן די סטיכיע, צו קרייצן די לופט און די יאמים, צו אויסשטרעקן זיינע ארעמס צו דער זון און, ווי א פרייער מענטש, באפעלן. דאס קינד, אליין זייענדיק, ביז דא נישט לאנג, איין שטיק רויע אומבאוואוסטזיניקע סטיכיע, — נעמט זיך לאנגזאם דערהויבן איבער דער סטיכיע, און ער פרואווט באוואוסטזיניק צו זוכן זיין סינטעז מיט איר, זיין פרייע שייכעס מיט דער זעלבער.

עס איז זייער־אינטערעסאנט צו וויסן, ווי אזוי ליטמאן, דער קינ־ד'ער־דערציילער, האט אויפגענומען דאס דאזיקע קאמפליצירטע פראבלעם און ווי אזוי עס איז אים געלונגען אף דעם זעלבן צו רעאגירן מיט אזוי פיל דערפאלג. אז מע קוקט זיך צו נאענטער צו די ערשטע דערציילונגען פון ליטמאן, זעט מען גלייך, ווי אזוי ליטמאן האט זיך אליין אויפגעלייזט אינגאנצן, אלס דערוואקסענער מענטש, און ער האט זיך פולשטענדיק צו־זאמענגעגאסן מיטן קינד, געווארן מיט אים איינס.

אז מע וויל זאגן, איז עס שוין א קלארע אנצוהערעניש אפן גאנץ גרויסן קולטור־נאציאנאלן פראבלעם פונעם אידישן אישעוו אין ארגענטי־נע, וועלכעס ווערט צוגעפירט צום סאמע אנהויב — צום קינד. דער אנהויב

איז דאָס קינד, דאָס אידישע קינד; און אַלעם איבעריקעם איז נישט ווערט די טירכע, אַן־און־פאַר־זיך; און עס פאַרדינט עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג בלויז אַף אַזויפיל, אַף וויפל עס העלפט וואַקסן דעם אידישן קינד אין אַר־גענטינע, מאַכן אים פאַר אַ מענטשן, פאַר אַ מאָדערנעם אידישן קולטור־מענטש: און וויל עמיצער דערגרייכן פיל מער, דאַן זאָל ער זיך איבערגיסן. און דערגיין צום אָנהויב, צו טמימעס און צו קינדישקייט, ווי געציילטע האָבן עס געטאָן, און צווישן וועלכע מיר פאַרעכענען איצט דעם קינדער־שרייבער ליטמאַן. ליטמאַן האָט אָנגעהויבן מיטן קינד צוגלייך, געבאַ־לעמט זיינע פאַנטאַזיעס, געזען זיינע זעונגען, געיובלט זיין פרייד און באַ־גערט זיינע אוממעגלעכקייטן — און, צוזאַמען דערמיט, ווי דאָס קינד, געוואָקסן, גענומען ליידן, זיך אָנשטויסן אַף אוממעגלעכקייטן, אַף זאַכן, וואָס שטעלן זיך אנטקעגן, ווילן זיך נישט אונטערגעבן דעם קינדערשן אינסטינקטיוון ווילן; אַף זאַכן, וואָס מאַניפעסטירן גאָר דורכויס זייער אַבסאָלוטע זעלבסטשטענדיקייט. און דאָס קינד ווערט געצוואונגען צו פאַרקנייטשן זיין ליכטיקן שטערן און אַ קלער טאָן. ווייל ער נעמט שוין באַגרייפן, אַז — נישט „אַלע זיבן זאַכן"*) געהערן צו אים, כאָטש זיי ציען אים צו זיך מיט אַן אומווידערשטייטלעכן צויבער; און ער דערזעט אויך, דאָס קינד, מיט גרויס צאַער, ווי איבער די ביז־אַצינד לויטער געוועזענע הימלען פון זיין „ליכטיקע וועלט"*) האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן טונקעלע און שרעק־ברענגנדע כמאַרעס... דאָס קינד נעמט זיך שפירן אומהיימ־לעך אין זיין קינדישן קעניגרייך; עס טרייסלט זיך זיין גאַנצע אָרגאַנישע קאָנסטרוקציע; און ער וויל זיך נישט אונטערגעבן, ער וויל קעמפן און זיגן; ווייל דער סייכל אין אים זאָגט אים אונטער, אַז — ווידעראַמאָל איז אַלץ מעגלעך צו דערגרייכן מיט דער הילף פון גדאַנק; ווען מע טראַכט, מע לערנט, מע פאָרשט; און דאָס קינד נעמט פרעגן פראַגן... ער, דאָס קינד, דער נעכטיקער זאָרגלאָזער הערשער, וויל זיך שוין היינט נישט באַגניגענען מיט „פעטער סימכעס שפּאַסרייען";*) ער, דאָס קינד, ווייזט אָן פאַרן פאַרקינדערשטן פעטער די א ו מ מ ע ג ל ע כ ק י י ט פון זיינע גוזמעס; און ער פאָדערט פונעם פעטער, וועלכן ער האָט אַזוי ליב געהאַט, אין פעריאָד פון אומגעצוימטע פאַנטאַזיעס — ער זאָל אים איצט געבן ריכטיקע און ערנסטע דערקלערונגען אַף די פראַגן, וואָס עגבערן זיין יונגן מאַרך. ער, דאָס קינד, פאָדערט קאַטעגאָריש אַ ענטפער אַף זיין עמער־כער שייכעס צו דער וועלט און צו דער נאַטור, וואָס ער ליבט אַזוי שטאַרק; אַף זיין עמעסער שייכעס צו דער געזעלשאַפט פון אָרעם און רייך און צום

*) נאָמען פון ליטמאַנס אַ בוך.

אייגענעם פאָלק; צום לאַנד, וואו ער איז געבוירן געוואָרן, און צו אַלע פריערדיקע אַלטע היימען פון זיינע עלטערן און פון זייער היסטאָרישער פאַרגאַנגנהייט.

דאָס קינד, און איז אונדזער פאַל — דאָס אידישע קינד איז, מיט גרוים גליק, צוגעפירט געוואָרן דערצו, ער זאָל זיך שטעלן אויף די אייגענע פיס און נעמען שטעלן פראַגן די גרויסע, וועלן פאַרשטיין; און ער וואַרט אויף אַ ענטפער.

וועט דער ענטפער קומען? — מע דאַרף נאָכגיבן, אַז דער דערפאָלג פון באַוועגער ליטמאַן איז דער דערפאָלג פון אונדז אַלעמען. אַלע האָבן געריסן די שטיינער פונעם באָדן, מיט די ציין געריסן און אין דער טיף געגראָבן, געזוכט וואַסער. ביז וואַנען עס האָט אויפגעשלאָגן, ווי אַ קוואַל, די קינדערשע פרייד פון ליטמאַנס קינדער־מייסע; אַ סימען, אַז וואַסער איז דאָ, וועט דאָ זיין אַ אישעוו.

— און די בויער בויען ווייטער...

חיים ליבערמאַנס „די שטימע פון טאָל"(1)

(געשריבן אין נאָוועמבער, 1940)

אַז איינער טיטולירט זיך — ב אַ ש יי ־
ד ע נ ע ר פּאַסטוך פון דער טשערעדע, —
שטעלט ער יעדן אין דער ריי פון אַ בלינדער
טשערעדע. (פאָלקס־וואָרט.)

.1

מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען די וועלט־דעמאָקראַטיע האָט אָנגע־הויבן צוריקטרעטן פאַרן היטלעריסטישן אויפמאַרש אין אייראָפּע, — איז אַנטשטאַנען אַ צערודערונג אין די רייען פון דער אידישער אינטעליגענץ איבער דער גאָרער וועלט. עס האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען וועגן דעם, אַז אידן דאַרפן אַליין אויפגעבן זייערע דערגרייכטע עקאָנאָמיש־פּאָליטי־שע פּאָזיציעס אין אייראָפּע; אין אַלגעמיין, זיך־צוריקציען פון עפנטלעכן לעבן און „אַוועק צוריק אין געטאָ". דער באַקאַנטער שריפטשטעלער חיים ליבערמאַן, איז דאַן אַרויס מיט אַ בראָשור „אין טאָל פון טויט", געשריבן אין אַ נביאישן טאָן, אין וועלכער ער רופט דאָס אידישע פאָלק זיך־אומ־צוקערן צו דער אַלטער אידישער תורה, כדי זיך צו ראַטעווען פון אונ־טערגאַנג.

---

(1) „די שטימע פון טאָל", זאַמלבוך, 350 זייטן, צונויפגעשטעלט פון חיים ליבערמאַן, ניו־יאָרק, 1940.

מען האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די אַלע רעוויזיע־שטימונגען זענען אַ געזונטע רעאַקציע קעגן דעם רשעות פון דער וועלט לגבי די אידישע פאָלקס־מאַסן; און אַז דאָס דאַרף דערפירן באַ אונז צו אַ פאַרשטאַרקטן נאַציאָנאַלן אויפשוואונג און צו אַ דערנעענטערונג צו אונזערע אייגענע מאָדערנע קולטורווערטן.

זעט עס אָבער אויס, אַז בנוגע חיים ליבערמאַן האָבן מיר אַ טעות געהאַט. ער האָט עס טאַקע געמיינט, פשוטו כמשמעו, אַז דאָס אידישע פאָלק דאַרף זיך אומקערן צו דער אַלטער אידישער רעליגיע, צו דער אמונה פשוטה, ווייל נאָר אויף דעם וועג געפינט זיך די רעטונג און דאָס גליק.

די בראָשור „אין טאָל פון טויט" האָט געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג איבער דער גאַנצער אידישער וועלט. עס זענען דערשינען צענדליקער אָפּהאַנדלונגען אין די צייטונגען, געשריבן פון אָנהענגער און קעגנער; אַ חוץ אַסאַך בריוו, וואָס דער מחבר האָט דערהאַלטן פון אַלערליי קרייזן, וואוהין די בראָשור האָט געגרייכט און געמאַכט אַ איינדרוק.

איז חיים ליבערמאַן געפאַלן אויף אַ המצאה. ער האָט מסדר געווען די אַלע בריוו און אַרטיקלען; זיי פאַרזאָרגט מיט אַסאַך באַמערקונגען; אָנגעשריבן צום גאַנצן מאַטעריאַל אַ הקדמה; פאַרענדיקט, צום סוף, מיט דער בראָשור „אין טאָל פון טויט"; און דאָס אַלץ פאַרעפנטלעכט אין אַ זאַמל־בוך, אונטערן נאָמען „די שטימע פון טאָל".

דער מחבר פון די שורות האָט נאָכגעפאָלגט פון דער נאָענט אָט די גאַנצע פאָלעמיק. אַלס אידישער שרייבער, האָט ער אַליין, גאַנץ אָפט, באַהאַנדלט די דערמאָנטע פּראָבלעמען; און אין זיינע ביכער „צוריק צום געטאָ" און „דער בעטלער, דער לץ, דער סאָציאַלער מענטש" ווערט געזוכט אַן אויסוועג, אַ דערלייזונג פונעם אָנגעזאַמלטן היינטצייטיקן בייז, אידישן און אוניווערסאַלן באַגלייך.

דאָס איצטיקע זאַמלבוך אָבער פאַרדינט אַ באַזונדערן אָפּרוף, צוליב ליבערמאַנס באַמערקונגען צו די בריוו און אַרטיקלען, וואו ער איז געצוואונגען אַ רעד־צו־טאָן קאָנקרעטער און זאַכלעכער וועגן אָט די פראַגן.

מירן צוגיין מיט אַ סדר. אין דער ערשטער טייל פון זאַמלבוך (זייטן 1—74) ווערט געבראַכט, אַ חוץ ליבערמאַנס הקדמה, די סעריע רבנישע בריוו. מיר לייענען זיי דורך, פון אָנהויב ביז צום סוף, מיר פאַרטראַכטן זיך איבער זיי, און מיר מוזן קומען צום שלוס, אַז אָט די אַלע דברי־חכמה פון די אַלטמאָדישע און מאָדערנע רבנים וועגן די זיבן גליקן, וואָס שטעקן אין דער אַלטער אידישקייט, רעדן מער צו אונזער האַרץ גאָרנישט.

אַסאַך פון אונז האָבן באַקומען אַ רעליגיעזע דערציאונג, געלערנט

אסאך ש״ס ופוסקים און זיך אנגעזאפּט מיט דער אלטער אידישער קול־טור. אבער אצינד, וואס געהערן מיר זיך אן מיט אט די אלע רבנים? דאן, אין דער יוגנט, האבן מיר געגלויבט באמונה שלמה; זענען מיר געווען, במילא, אפן ריכטיקן פלאץ. אבער היינט, זענען מיר אריבער ווייטער, צו אנדערע נארמען, מאדערנערע און וועלטלעכע, הגם — דורכוים אידישע.

איך מיין, אז די גאנצע דיסקוסיע, וועלכע ציט זיך, ווי א רויטער פאדים, דורכן רבנישן ציקל בריוו, וועגן דער לויבבארקייט פון גלויבן, איז, פשוט גערעדט, אן אומנאטירלעכע. גלויבן האט גארנישט צו טאן מיט צוועקמעסיקייט, אדער מיט וועלכער פילאזאפישער באגרינדונג. דא, איז איינס פון די ביידע: אדער מע גלויבט יא, און מע איז גרייט דערפאר צו צאלן, מיט פרייד, די גרעסטע קרבנות; אדער — עס איז אריבער דער קינ־דערשער פעריאד פון נאיוון גלויבן; און עס איז אנגעקומען דער רייפער מאמענט פון פארשטאנד, וועלכער האט זיך זיינע לוין־און־אומלוינבאר־קייטן, און ער פאדערט זיך אויך זיינע קרבנות.

אמת, די צייט שטייט נישט. עס גרייכט די עלטער, ווען מען קערט צוריק צום קינדישן גלויבן. אבער, די וועלט (און מיר אויך, אינדערמיט) זענען דאך נאך ווייט דערפון!

אמת, עס פאסירט א בילבול־המוחין, בעת א קרענק, א אינדיווידוע־לער, צי א קאלעקטיווער — ווען דאס וויסן אליין, וואס קומט פון דרויסנ־דיקן ארום, איז ווינציק, אף צו קענען באקעמפן די פלאגע; און דער רופא נעמט זיך אויך צו הילף די כוחות הנעלמים פונם חולה, זיין טיפן אי־נערלעכן גלויבן און דראנג צום לעבן און זיג...

אבער, דערגייענדיק אהער, ווילן מיר פרעגן:

— ווער זאגט זיך דען אפּ פון ריינעם טיפן אינערלעכן גלויבן? ער איז, אונזער גלויבן, דער קוואל, וואס שלאגט פון אינעווייניק; ער איז דאס הארץ פון דער וועלט, פונעם לעבן, די אנגעלעבטע דור־דורות׳דיקע פיין פון דער מענטשהייט און איר הייליקער רוף צו גערעכטיקייט; און — ער איז פושט צורה ולובש צורה, לויט דעם גאנג און פארגאנג פון דער צייט, פונעם וויסן, פונעם שכל...

— וואס מיר ווילן דערמיט זאגן? — אז דער שכל, אמת, איז נישט מער, ווי דער לבוש פון הארץ, פון גאט; אבער, מע וועט דאך נישט גיין אפלאזן גאט אומגיין, א נאקעטן, איבער דער וועלט, ווייל — דאן וואלט קיין לעבן נישט געווען. און וועלט, לעבן מיינט — שכל, געדאנק, אין פולסטן דיאלעקטישן דראנג פון טעזע־אנטיטעזע־סינטעז, פון אויפגיין־פארגיין, פון ניט־בלייבן הינטערשטעליק, אויסער צייט און רוים.

עס הייסט, נאכאמאל: אז — דער גלויבן איז אונזער אייגענער. ער

איז נישטאָ אין ערגעץ מחוץ פון אונז. ער גרייכט נישט צו אונז פון דרויסן. ער שוועבט נישט אום איבער דער וועלט. ער פלאַטערט אום טיף אין אונז. ער איז דאָס געזאַנג פון אונזער בלוט. ער איז, ווי ליבערמאַן אליין וואָלט געזאָגט — קדושת־האדם, דער מענטש־גאָט, אין דער הייליקייט פון לעבן; דער אדם ובהמה רבה, אין דער אוניווערסאַלער וויזיע פון יונה הנביא; דער והיה באחרית הימים, פון אַ ישעיה הנביא א. אַ.

אָט דער גלויבן העלפט אידעאַליזירן אונזער עבר און אים אַריינגיסן אין די נייע כלים פון אונזער מאָדערן אידיש שאַפן. ער נעמט אונזער איינבאַלזאַמירטן עבר, וועלכער לעבט שוין ניט מער — אַזוי ווי יעדער עבר — און ער שטויבט אָן פוצט אים אַרום; און ער קערט אים אום זיין ריכטיק אָרט, זיין רינג, אין דער גאָלדענער קייט פון אונזער היסטאָריש־אוניווערסאַלן גאַנג איבער דער וועלט.

אָבער, וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט אַלטמאָדישקייט און שימל?

ווען ער, ה. ליבערמאַן, צעפלאַקערט זיך, אין „טאָל פון טויט”, איז דאָס עכטער פּאַטאָס; איז דאָס קונסט, וואָס באַווירקט גרויס און קליין. געוויס דערפאַר, ווייל ער נוצט דאָס נישט, אַלע טאָג, ווייל דאָס איז בא אים אַן אויסדרוק פון הויכער זעעלישער דערהויבונג.

אָבער, לאָמיר מודה־זיין — ווען דאָס פאַלט אַריין אין מויל פון די אַלע רבנים, דיינים און סתם מאָדערנע דאָקטוירימלעך פון די אַלערליי בתי־מדרשים עליונים לחכמת־ישראל; אידן, וועלכע קוואַטשן, טאָג־אויס, טאָג־איין, וועגן דער אידישער מיסיע, ביז איבל און נישט־גוטקייט ווערן; אידן צוריק־געשטאַנענע, וועלכע וואָלטן, מיט איין שטריך, אָפּגעמעקט די גאַנצע מאָדערנע אידישע קולטור און שאַפן; אידן רויע און פרעמדע צו אונזער יוגנט און צו אירע היינטצייטיקע נויטן און ווייען; איז, זאָגן מיר: ווען אָט די אַלע נעמען זיך גרייטן צו ווערן אונזערע פאַרזאָרגער — זיי, די קלוגע, וועלן ווידער אַרויספירן אַפן ריכטיקן וועג א ו נ ז, די פאַרבלאָנדזשעטע, — ווערט אונז נישט גוט אַפן הארצן פון זיי; ווערט אונז פּוסט און הויל אַף דער נשמה פון זייער נאַרישער גאַגעריי; און מיר זאָגן, יעדער איינער, צו זיך: — איך, דער בלאָנדזשער, דער משכיל, אַפּיקורס, וועלטלעכער סאָציאַליסט א. א. וו. מיט איין וואָרט, דער יצא וחזר, דער, וואָס זוכט אַ וועג אַף צוריק, — בין מער איד פון זיי; האָב מיט זיי גאָרנישט צו טאָן; און, נישט צו זיי האָבן מיר צוריקגעקערט.

מיר זוכן אַ וועג צו אונזער נאַציאָנאַל־מענטשלעכער באַנייאונג. מיר וועלן דעם וועג געפינען. שוין אינעם זוכן אַליין ליגט אונזער רעטונג. און, צי מיר ווילן דאָס יאָ, אָדער נישט — מיר זוכן ווידער, איצט ווי תמיד,

די רעטונג פֿאַר זיך און פֿאַר דער וועלט באַגלייך; ווייל מיר זענען, און אַזוי וועלן מיר תּמיד פֿאַרבלייבן, אַ אינטעגראַלע טייל פֿון דער וועלט.

אָבער דאָס אַלץ האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דער רבנות־קוואַטשעריי. מיר לייענען דורך די אַלע בריוו זייערע צו ליבערמאַנען, (אין דאָס רוב — פֿאַרגרייזטע, אַזוי די לשון־קודש׳דיקע, ווי די העברעאישע); מיר זוכן אין זיי כאָטש איין אָריגינעלן געדאַנק, אַ נײַ געפֿיל, און מיר קאָנען נישט געפֿינען. אַלץ איין־און־די־זעלבע מעלה־גרהריי — אַן אויסגעהוילטע פֿון יעדן תּוך און זין, אַן אָפּגענוצטע, מחמת שטענדיקן נוצן — וועגן אונזער גורל נעבעך צווישן די אומות... און ז יי האָבן דאָס גרייט די פֿאַרטיקע לייזונג צו אַלע אונזערע מאָדערנע נאַציאָנאַל־סאָציאַלע פּראָבלעמען!

יאָ, זיי, וואָס האָבן גאָרנישט געלערנט, האָבן דיר גרייט דעם תּירוץ אויף אַלץ: — פֿריער גאָט, און דערנאָך דער רב...

און ווען מיר לייענען, ווי אַזוי זיי האָבן גענומען ליבערמאַנס ווערק „אין טאָל פֿון טויט", עס פֿירגעלייענט אין די שילן, וועגן דעם דרשות געדרשנט, און אים אַליין, ליבערמאַנען, אַלס נביא אויסגערופֿן, און אַפֿילו צום כּביכול פֿאַרגליכן (זייט 41), — קלערן מיר, מיט פֿאַרדרוס: — קיין גרעסערע פּראָפּאַגאַציע דערפֿון קאָן שוין נישט זיין. ער ליבערמאַן, האָט אָנגעשריבן אַ שטאַרק נאַציאָנאַל ווערק, וועלכעס איז מאָדערן דורך־און־דורך. עס איז אַ אינטעגראַלע טייל פֿון אונזער גרויסער אידישער קולטור. עס באַלעבט אונזער געמיט, און העלפֿט אונז ווייטער שמידן אונזער אידיש לעבן אויף דער ערד. עס איז אַ בוך און אַ ספֿר באַגלייך, אַזוי גוט ווי עס איז עס יעדעס עכט אידיש מאָדערן ווערק; און מיט שימל און אַלט־וואַרג האָט עס גאָרנישט צו טאָן.

עס איז פֿאַרשטענדלעך, פֿאַרוואָס זיי, די רבנים, האָבן אים מיט זיין ווערק אויפֿגעכאַפּט, ווי אַן אבן־טוב, ווי אַן עקזאָטישע דערשיינונג: — אָט דער יצא וחזר, וואָס פֿאַרשעלט האַק און פּאַק און קערט זיך אום צוריק צו זיי...

איז, וועגן אים אַליין, ליבערמאַנען, וועלן מיר נאָך רעדן באַזונדער. אָבער דאָס ווערק זיינס, אַ ד ע ר ש י נ ע נ ס , געהער נישט מער צו אים אַליין. עס געהער צום כּלל, צו אונזער מאָדערן נאַציאָנאַל־אידיש שאַפֿן, און מיר וועלן עס, באַיין־אופֿן, קיינעם נישט אָפּגעבן.

דאָס וויל נישט זאָגן, אַז מיר האָבן עפּעס אויסצוזעצן קעגן די רבנים, באשר הם שם, דאָס הייסט, ווען זיי געפֿינען זיך אויף זייער ריכטיק אָרט. זיי זענען אידן, און גאַנץ־וואוילע אידן, מסתּמא, דערצו. קיין מאָדערנע רוצחים, רחמנא ליצלן, זענען זיי נישט; און קיין שלעכטס קיינעם ברענגען זיי נישט. עס איז פֿאַרשטענדלעך, אַז זיי זאָלן וועלן לעבן און קאָנען

עקזיסטירן אף גאַנץ וועלט; אַרויסגעבן זייערע חידושים אף דער תורה, און האַלטן דרשות אין די שילן. אויב עס געפינען זיך קהילות קדושות, וואָס האַלטן זיי אויס און דאַרפן זיי האָבן, — גייט עס קיינעם נישט אָן; וואָרום, וואָלטן זיי נישט געהאַט קיין לופט צום אָטעמען, וואָלטן זיי דאָך געוועזט אונטערגעגאַנגען... עס הייסט, אַז מיר זענען פאַר פולשטענדיקער דעמאָקראַטיע אינעם אידישן לעבן, און מיר ווילן זיי ניט מאַכן פאַר קיי־נע מאַרטירער.

איינס אָבער ווייסן מיר: אַז קיין מאָדערן אידיש וועלט געהער זיך מיט זיי גאָרנישט אָן. מירן גיין נאָך ווייטער און זאָגן, אַז — ער אַליין, ליבערמאַן, געהער זיך מיט זיי גאָרנישט אָן. בא אים איז דאָס אַלץ אַ קוריאָז אַזאַ; אַן אויסגעהונגערטקייט צו דער היים, צום אייגענעם אידישן געשטאַלט; אַן אַנטלויפן פון דער גוישער וועלט, נישט דערפאַר, וואָס זי איז שלעכט, נאָר ווייל זי איז נישט אידיש, אַפילו ווען זי וואָלט געווען גוט. איז דאָך אונז דערלויבט צו ווען זאָלן זיך פולבלוטיק אידיש לעבן, אַפילו נישט אינגאַנצן קיין גוטס, איידער אַפילו אַ פרעמדע וועלט, אינגאַנצן אַ גוטע! איז דאָך אונז דערלויבט צו ווערן מיד פון דער וועלט, אַזוי גוט, ווי די וועלט איז מיד פון אונז! איז דאָך אונז דערלויבט נישט צו פּאַראַדירן שטענדיק און אומעטום אף וועלטס שמחות, נאָר קומען אַהיים, זיך אָפּרוען... אַ חוץ דעם, קאָנען מיר אַמאָל נישט פאַרטראָגן די שטאַרקע גוישע וועלט, מיט איר מעכטיקייט און שטאָלץ. זי רעגט אין אונז אונזער מינדערווערטיקייטס־געפיל, ווייל מיר ווייסן, אַז — אַזוי שטאַרק, ווי זי, וועלן מיר שוין קיינמאָל נישט זיין. דאַרום אַנטלויפן מיר־פון איר; און מיר רוקן קעגן איר אַרויס אַן אייגנאַרטיקע גבורה, אַ גייס־טיקע, וועלכע איז אויסגעהאַלטן, פּילאָזאָפיש, פון אונטן ביז אַרויף, ביז צו די העכסטע הימלען אַרויף. דאָס אַלץ איז נאַטירלעך, לאָגיש און דער־לאָזבאַר.

אָבער, וואוהין אַנטלויפן?

ער, ליבערמאַן, קערט צוריק צו דער פשוטער אידישער אמונה. ער קערט צוריק אין דער קינדערשער וועלט; אין דער קינדישער היים. אַלץ גלאַנצט פאַר אים און שיינט. ער גייט אַרום, ווי אַ באַנומענער, און מיט אַ העכערער טעמפּעראַטור. ער איז אַפילו, די ערשטע צייט, די סענסאַציע פון טאָג. פון דאָרטן איז ער אוועק, נאָך אַ קלאַפּ מיט דער טיר — אַ סענ־סאַציע. אַהער איז ער אָנגעקומען פון דער גרויסער וועלט — ווידעראַמאָל אַ סענסאַציע. ניכטערע „קלוגע אידעאָלאָגן” וועלן אים אַפילו אויסנוצן און אַרויסשטעלן, אַלס מוסטער; מאַכן אַרום אים פּראָפּאַגאַנדע...

ביז, עס וועט זיך נעמען אַרויסשטעלן איין קליינינקייט: אַז ער גייט

אום, איינער אַ באַרוישטער, צווישן ניכטערע. ער איז דער באַגייסטער־טער תמים, צווישן זיי, די קלוגע... ער גייט אַרום צווישן פרעמדע, וואָס פאַרשטייען אים נישט; וואָס פילן נישט דעם בראַנד פון זיין האַרץ, דעם דורשט פון זיין נשמה. פון די צופיל בוימער, זעען זיי אַליין נישט אַן דעם וואַלד, וואו זיי וואוינען, זינט תמיד, און זיי האָבן קיינמאָל נישט געוואוסט פון קיין בענקעניש. נישט זיי פילן דעם טעם אינעם אַלטן איד־ דישן וואָרט, נישט זיי ווייסן עפּעס פון זיין גרויס און דערהויבונג. זיי זענען לחלוטין פרעמד צום אַלטן אידישן גלויבן — אַט אַזוי ווי ער פילט אים. בלויז ער, אין דער גרויסער וועלט, האָט זיך אויסגעלערנט אים צו שעצן, דעם גלויבן; האָט געוואוסט אים צו דערפילן, אין זיין גאַנצן וואונדער־צויבער פון אייביקער יוגנט... אָבער, צו זיי, דעם אַלטן שימל, האָט ער נישט וואָס צו רעדן, ווייל זיי וועלן אים נישט פאַרשטיין. ער וועט, נאָך אינגיכן, זיך דערשפּירן עלנט צווישן זיי — נאָך פיל עלנטער, ווי אין דער גרויסער וועלט — און ער וועט נישט ווייסן, וואוהין צו אַנטלויפן מער.

וואָס מיר ווילן דערמיט אויסברייען? זייער אַסאַך. ער, ליבערמאַן, און אַזעלכע ווי ער, האָבן גאָרנישט וואָס צו טאָן אין דער אַלטער אידישער וועלט. ניט צו איר האָט ער געבענקט, אַזוי ווי זי איז אַצינד, אָן גלויבן, אָן לעבן, אַ קאַלטע פרעמדע היים. ער בענקט צום קינדערשן גלויבן; צו דער היים פון אַמאָל; און זי, די היים, וועט ער שוין אין ערגעץ נישט טרעפן; אַ וודאי נישט ד אָ ר ט, וואו ער האָט זי געלאָזן. זאָל ער נישט גיין אַהינצו, ווייל ער וועט זיך ביטער אַנטוישן... דערפאַר אָבער טראָגט ער איר בילד, פון יענער טייערער היים, טיף איינגעבאַקן אין זיין האַרץ; זי לעבט אין אים אייביק; זי ווערט באַנייט, און זי קומט ווידער אויף, אַ יונגע, מיט גלויבן. איז, זאָל ער פאַרנעמען איר שטים; און אי־ בערגעבן איר וואָרט, אין זיינע וואַכזאַמע נעכט פון שאַפן. און זיין עכט ליטער וואָרט וועט שוין טרעפן אַהין, וואו מע דאַרף; און באַפרוכפּערן אונזער גייסט, און דערמוטיקן אונז צום ווייטערדיקן מאָדערן־נאַציאָנאַלן שאַפן.

זיין, ליבערמאַנס, עכט קינסטלעריש פלאַמיק וואָרט דאַרף דערלאַנ־ גען (און עס דערלאַנגט) צו אידישע קולטור־צענטערן, צו אידישע שריי־ בער און קולטור־שעפער, צו מאָדערנע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן; דער־ וועקן אין זיי דאָס געפיל פון אחריות, פון ווערדע צו זיך, צום אייגענעם און אייגנטימלעכן; צו אונזער עכט נאַטירלעך לעבן אונטער דער זון, וואָס דאַרף אונז פירן, פריער־צו־שפּעטער, צו דער העכסטער אָנשטרענגונג: אַרום דער מעגלעכסט־גרעסטער נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע אַף איין, צי

אַף געציילטע פּונקטן; און דאָרט, איינמאָל־פּאַראַלעמאָל, וועלן מיר זעען — הכצעקתה... אויב עס איז טאַקע אמת, ווי מיר אַליין ווילן האָבן, אַז מיר זענען אַזוינס און אַזעלכס, איינס אין דער וועלט, — וועלן מיר עס פּרוּאוון, גאַנץ אומגעשטערט, דערווייזן...

מיר מיינען, אַז באַ דער פּראַקטיק, וועט נויטיק זיין צו רעדוצירן אַ היבש ביסל איבערגעטריבנקייט און זעלבסט־איינרעדעניש, כדי צו קענען דערגרייכן עפּעס רעאַלעס, ממשות'דיקס.

מיר מיינען, קאָנקרעט גערעדט, אַז מיר דאַרפן אַ היים, וואו צו באַרואיקן די צעהיצטע נערוון; און אויפהערן האָבן אייביקע טענות צו דער וועלט, אין זכות פון די אייביקע ווערטן, וואָס מיר האָבן, אַמאָל־פּאַרצייטנס, געשאַפן. די אייביקע ווערטן געהערן מער נישט צו אונז אַליין, נאָר צו דער גאַנצער מענטשהייט. אויך די גריכן האָבן אַמאָל געשאַפן אייביקע ווערטן; און פונדעסטוועגן שטערט עס זיי נישט צו זיין אַ גאַנץ אומבאַדייטנד פאָלק, אָבער — אַף אייגענער ערד, וואו זיי קענען שטודירן זייערע אַמאָליקע אייביקע ווערטן, וויפל נאָר זייער האַרץ אַליין גלוסט. און, צו גלייכער צייט, דאַרף מען זיך משער זיין, אַז — נישט אַנדערש וואָלט געווען זייער גורל פון אונזערן, ווען זיי זענען, ווי מיר, צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, פּלאָנטערן זיך אומעטום צווישן די פיס און ווילן רק זיין אַנדערש פון אַלע. זיי וואָלטן געווען געכאַפּט אונזערע קלעפּ, און געווען געשריגן אונזער געשריי וועגן זייערע אַמאָליקע ווערטן. אָבער די וועלט וואָלט זיי געווען געהערט אַזויפיל, וויפל זי הערט אונז. אָבער, אויך אונז, פונקט ווי די גריכן, וועט דאָך קיינער, אין אונזער אַלט־נייער היים, נישט גיין שטערן צו שטודירן אונזער תנ"ך, אונזער תלמוד, דעם סידור און אַנדערע גרויסע ווערק, וויפל נאָר דאָס האַרץ אַליין וועט גלוסטן; פּונקט ווי מען וועט אונז נישט שטערן צו שטודירן אונזער מאָדערנע פיל־שפּראַכיקע אידישע קולטור.

2

עס איז אינטערעסאַנט אונטערצושטרייכן, אַז אין דער ערשטער טייל פונעם זאַמלבוך „די שטימע פון טאָל", וואו עס ווערן געבראַכט בלויז די בריוו פון די רבנים, — הערשט אַ רירנדע אחדות, אַזאַ מין אָפּגערעדטער הסכם צווישן אַלע, אָן אויסנאַם, אַזוי — וועגן דעם גרויסן ווערט פון ליי־בערמאַנס „אין טאָל פון טויט", און נאָכמער — וועגן דער גדלות פונעם

מחבר גופא. קיינס פון זיי האָט גאָרנישט, וואָס אויסצוזעצן, מיטן אויס־נאָם פון איינציקע איינווענדונגען קעגן ליבערמאַנס העפטיקן אָנגריף אויפן קריסטנטום; אָבער דערביי, פאַריכט זיך איינער פון זיי, אַז זיין באַמער־קונג קומט דערפאַר, ווייל ער אַליין, אַן איינגעוואַנדערטער רב פון רוסלאַנד, קאָן זיך גאָרנישט צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז דאָ, אין אַמעריקע, מעג מען אַזוי פריי פאַרטשעפּען דעם גויאישן גלויבן... אָט די גאַנצע רבנישע כאַליאַסטרע איז אַזוי מוראדיק ענג, שמאָלקעפּלדיק און טעמפּ; אַזוי רוי און עם־הארציש אָפּגעפרעמדט פון די מאָדערנע אידישע פאָלקס־מאַסן; אַזוי ראַכיטיש אויסגעצערט און פאַרוועלקט... מע זאָל עס זעען באַ וועמען פון זיי אויפבליצן אַ ניצוץ פון דערהויבונג, אַ שוואונג ווי באַ די גדולי־הדור פון אַמאָל!... אָט דאָס אָרעמע געזינדל, וועגן וועלכן איינער פון זיי — הרב שטיין, פון ברוקלין, זאָגט אַליין עדות (זייט 44) אַז „דער רוב רבנים פון ניו־יאָרק חלומען נאָר וועגן דעם פּרעס, אַזוי ווי זייערע עלטערן אין מצרים; און זיי בויען לופט־שלעסער, ווי דער דור־הפלגה. צי בין איך ניט אַליין אַזאַ זינדיקער און פאַרברעכער, ווי זיי״? — אָט די אַלע, פאַר־שטייט זיך, האָבן זיך געגוויטיקט אין ליבערמאַנס ווערק, אַזוי ווי אין אַ בלוט־טראַנספוזיע, אַף צו דערקוויקן דאָס פאַרחלשטע געמיט. איז קיין חידוש נישט, דערפאַר, פאַרוואָס זיי האָבן אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און, אין יעדער מאָס און טאַקט, אים צוגעטיילט שבחים, וואָס דער־גייען שוין פשוט ביז איבל און נישט־גוטקייט.

דערפאַר, זעט שוין אויס עטוואָס אַנדערש די צווייטע טייל פונעם זאַמלבוך, (זייטן 49־138) וואו עס ווערן געבראַכט בריוו פון שרייבער, קינסטלער און סתם פאָלקס־מענטשן. עס וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן די געצווימטקייט און דער טאַקט, אין די שבחים פון די שרייבער, ווי באַ דר. מ. וויינרייך, דוד פינסקי א.אַ. אויך דער קריטישער צוגאַנג צום ווערק, אַלס אַזעלכן. מען באַמיט זיך אָפּגעבן דעם ווערק „אין טאָל פון טויט״ זיין ריכ־טיקן ליטעראַריש־קולטורעלן ווערט, און מען דערלויבט זיך שוין אַריינלאָזן מיטן מחבר אין אַ דיסקוסיע וועגן זיין אינהאַלט. נישט קיין אַנדערער, ווי פּראָפעסאָר ש. דובנאָוו שרייבט, אַז ווען ער וואָלט זיך אַראָפּלאָזן, אַף אַ צייט, פון די הויכקייטן פון היסטאָריזם, וואו מע מוז איינהאַלטן די ליריי־שע עמאָציעס, — וואָלט ער אויך אַרויסגעזאָגט אַזעלכע געדאַנקען; ווי ער פלעגט אַמאָל טאָן אין אַלטן צאַרישן רוסלאַנד... עס איז קלאָר דערפון, אַז אַפילו אַזאַ שטרענג־נאַציאָנאַלער דענקער, ווי דובנאָוו, אָנערקענט, אַז ליבערמאַנס לירישע עמאָציעס האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט וועלכן היס־טאָרישן צוגאַנג צום אידישן פאָלק און זיינע פּראָבלעמען.

זיכער איז, אַז ליבערמאַן אַליין, דער קיצוני שבקיצונים,— ווען אַ צוויי־

טער, אַף זיין אָרט, וואָלט אַרויסגעקומען מיט אַזעלכע געדאַנקען, וואָס זענען אים נישט צום הארצן, — וואָלט ער יענעם געקאָנט דורס זיין, אָנגרייפֿן אַמשאַרפֿסטן און אויסשיסן אַף אים אַלע פיילן פון זיין, ליבערמאַנס, אומגעצוימטן עקסטרעמיזם, וואָס דולדעט נישט דעם מינדסטן ווידערשפרוך. אָט די איינגעגלויבטקייט זיינע אין די אַנטפּלעקטע צו אים אמתן האָט גאָר קיין שיעור נישט; און זי מוז וואָרצלען, אַ וודאי, אין זיין אייגן בלוט, וועלכעס איז נאָך דערצו היבש צעקאָכט געוואָרן דורך די ווילדע אומגעלומפּערטע און אומפּאַראַנטוואָרטלעכע שבחים פון זיינע חונפים, וועלכע האָבן, זיכער, אינגאַנצן נישט באַגריפֿן דעם קולטור־היסטאָרישן ווערט פון זיין ווערק. ווייל זיי, די רבנים, שטייען בכלל נישט אַף דער געהעריקער הויך, אַף צו קאָנען גאָר אָפּשאַצן די דערשיינונג פון אַזא ווערק, אין היינטיקער צייט.

אַזוי, צי אַנדערש; אָבער בא אונזער מחבר האָט זיך, איין קליין ביסל, פאַרדרייט דער קאָפּ; און ער אַליין הויבט אָן פאַרלירן יעדע מאָס און צוים, דערגייענדיק ביז לעכערלעכקייט און, פּראָסט־פּשוט, צו ווילדע שטותערייען; הגם ער אַליין באַוואָרנט זיך, אין דער הקדמה צום זאַמלבוך, (זייט 11), דערקלערנדיק פייערלעך, אַזוי ווי אַלץ, וואָס ער זאָגט, אַז — פאַר קיין שוטה האַלט ער זיך נישט...

נאָר, אויב אין זיין פאָעטישן ווערק האָט נאָך דער זעלבסט־זיכערער טאָן אַ געווויסן חן און אייגנאַרט, — קאָן מען אָבער דאָס זעלבע, ליידער, נישט זאָגן בנוגע זיינע פּובליציסטישע אויסגוסן אינעם זאַמלבוך, די באַמערקונגען, אַלע געשריבן אינעם אַבסאָלוטיסטישסטן טאָן פון אנוכי ולא יהיה לך...

אַזוי דערקלערט ער קאַטעגאָריש, (זייט 69) אַז כמעט דער גאַנצער אידישיזם איז געצנדינסט; (מיטן אויסנאַם, נאַטירלעך, פונעם רעליגיעזן, וועלכער האָט אים אַליין, אונזער מחבר, דערקלערט פאַר אַ נביא, און פאַרגליכן צום כביכול אַליין).

און ווען אַ אידישער שרייבער, א. ניסנזאָן, פּרוּווט זיך דערלויבן צו זאָגן, אַז פאַר אים איז אידיש, אין העכערן זין „משה, ישעיה, ישו, קעפּלער, מאַרקס און איינשטיין, וואָס דריקט זיך אויס בלויז אין איין וואונדערלעך וואָרט — „מענטש", — אַזוי שלאָגט ער אים גלייך איבער, ליבערמאַן, מיט דער באַמערקונג: — „איר אויך, ח' ניסנזאָן? געדענקט: די השכלה האָט אָנגעהויבן מיט דער בת־השמים, און האָט פאַרענדיקט מיט דער יעווסעקציע"... אַזוי זאָגט ער. און דערפאַר זענען ישו, קעפּלער און מאַרקס, דאָס הייסט, דאָס וואונדערלעכע וואָרט — מענטש, מוקצה מחמת מיאוס...

אזוי גייט ער נאָך ווייטער און פאַרזיכערט, אַזוי ווי אַן אומפּאַראַנט־וואָרטלעכער פלאַפּלער, אָן יעטוועדן חוש פאַרן היסטאָרישן ערנסט פון דער שעה, אַז ד י ה יי נ ט י ק ע א י ד ן וו ע ל ן א ו נ ט ע ר ־ ג יי ן א ו ן א ו מ ק ו מ ע ן אָ ן ד ע ר ת ו ר ה ; (זייט 71) און, אויב מע וויל זיך ראַטעווען, זאָלן אַלע אידן, דאָרט, וואו זיי זענען, זיך נעמען, אַף זיין באַפעל און פאַרן אייגענעם גליק וועגן, צו דאַווענען, צו כשרות, צו אידישע פיש און צו דער אידישער רעליגיעזער ליטעראַטור. אַ כפּרה טאָלסטאָי־געטע, ליטעראַטור־שמאַטעראַטור — אַ בלאַט גמרא, דאָס איז דער עיקר...

הייסט עס, אַז די גאַנצע וועלט־קולטור, די פּרוכט פון איידלסטן מענטשלעכן, אידישן און אוניווערסאַל! באַגלייך, פאַרשטאַנד און געפיל, דורך אַלע דורות און צייטן, ביז היינט צו טאָג; אָט דעם גאַנצן קולטור־היסטאָרישן אָנוואוקס, נישט געקוקט אַף אַלע בייזע באַגלייטענישן און אינקוויזיציעס; אָט דאָס אַלץ דאַרפן מיר אַליין אומברענגען בידים, פאַר־ברענען, פאַרניכטן, אַזויווי צעיושעטע באַרבאַרן; מיר דאַרפן אויך אויס־ראָטן אונזער גאַנצע מאָדערנע, אויסגעווייטיקטע און אין־פּיין־דערהאַלטע־נע אידישע ליטעראַטור, אונזער אויסגעחוזקטע „פּעדאַגאָגיע"; (זייט 76) און אַליין זיך אומקערן צו די פאַרצייטישע הייליקע אידישע שריפטן, וועלכע מוזן בלייבן איינציק אַף דער וועלט — אַזוי ווי דער קאָראַן, להבדיל, בעת דער באַרבאַרן־אינוואַזיע אין אַלכסנדריה־של־מצרים... איצט, דאַרפן מיר אומקערן אונזערע אידישע קינדערלעך, אַזוי באַפעלט ער, אונזער מחבר, צו די פאַרצייטישע חדרים און מנהגים. ווייל נאָר באַ אונז איז דער אמת, און מיר זענען די איינציק־גערעכטע. אַלדאָס גוטע און דערהויבענע, קידוש השם, אידעאַליזם, איז געגעבן געוואָרן נאָר צו אונז אַליין...

אַיי, דער אידעאַליזם און מסירת־נפש באַ ז יי , די גרויסע סאָציאַלע קאַמפן פאַר גערעכטיקייט, און די אָפּפערוויליקייט פון די מאַסן אומעטום, אין דראַנג צו אַן ערלעך און בעסער לעבן אַף דער וועלט? — איז, ערשטנס, איז דאָס גלאַט אַ ליגן, אויסגעטראַכט פון אָנהויב ביזן סוף. עס איז וועלט־געשיכטע, אַ מאָדערנע דערשיינונג; און ער, אונזער מחבר, האַלט נישט דערפון. צווייטנס, ווען אַזעלכס זאָל יאָ ערגעץ האָבן געהאַט פאָר־געקומען, — איז עס בלויז געווען אַ שלעכטע נאָכקרימונג פון אונזער עכטן אידעאַליזם. אַ גויאיש ערזאַץ שטיקל־אַרבעט, וואָס האָט נישט די ווערט די רייד. ווייל אַלדאָס גוטע און נאָבעלע שטייט איין נאָר באַ אונז. לכן דאַרפן מיר זיך אַלע אומקערן צוריק צו דער הייליקער תורה, מיט אַלץ אירע תרי"ג מצוות, ווי אַמאָל, נישט געמינערט אַ האָר... אָבער, וואָס זאָל מען טאָן, ווען דאָס פאָלק וויל נישט גיין אַף צוריק, נאָר עס וויל בלייבן

מאָדערן־נאַציאָנאַל און וועלטלעך, אין גייסט פון דער צייט? און וואָס טוט מען צו דעם, וואָס די יוגנט גייט אינגאַנצן אַוועק פון אונז? איז — אַרט עס אים גאַנץ ווייניק, אונזער מחבר. ווער דאַרף די גליקן פון דער יוגנט? (זייט 76) אָבער, אַ קליינע צאָל וועט גיין צוריק? איז דאָס פאַר אים גענוג. (זייט 75) ער אַליין האָט קיינמאָל נישט געהאַלטן פון דער גרויסער מחנה פרייע אידן. פאַר אים, דערקלערט ער, איז גענוג די שארית הפליטה; און אַז פאַר אים, דעם נביא, כביכול, איז גענוג, איז דאָך נישט שייך...

אַזוי מאַכט ער זיך פאַרגעסן, ליבערמאַן, אין די עלעמענטאַרסטע ידיעות פון דער אידישער געשיכטע וועגן דעם, אַז בײַ אידן, צוליב זייער אומנאַטירלעכן אַנטאַרטעטן לעבן, איז שטענדיק אָנגעגאַנגען אַ מאַסן־באַוועגונג און אַ דראַנג צו אַסימילאַציע; אַזוי אין די צייטן פון די „געטאָ־טרוימער", ווען די אידישע יוגנט האָט זיך געריסן צו דער ברייטער וועלט, אַזוי, אין אַנדערע עפּאָכן; און ער פאַרשרייט זיינעם אַ לייענער, וואָס מאַכט אים דאַרויף אויפמערקזאַם, (זייט 114) מיט דער פולשטענדיקער הכחשה, אַז אידן האָבן ווען געשטרעבט צו אַסימילאַציע. עס איז אַ ביל־בול און אַן אויסטראַכטעניש, ניט מער.

און ווען אַ צווייטער לייענער (זייט 116) בעט זיך בײַ אים, אַז עס איז זינלאָז צו פּרעטענדירן, בײַ היינטיקער צייט, די פולע רעליגיעזע אויפלעבונג בײַ אידן, ווייל ווען דר. נתן בירנבוים האָט דאָס געפּרוּווט טאָן, האָט ער באַצאָלט, דערפאַר, מיטן שרעקלעכן פּרייז, וואָס זיין גרויסער טאַלאַנט איז אויסגעטריקנט געוואָרן, — אַזוי שלאָגט ער אים איבער, מיט צאָרן, אונזער מחבר, אַז — אידישקייט איז טייערער פון טאַלאַנט... און עס גייט אַוועק אַ סדרה פון זידלען טאַלאַנט און אים מאַכן מיט דער בלאָטע גלייך... און ער פאַרגעסט אַליין, ליבערמאַן, וואָס עס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט בײַ אים צופעליק, (זייט 126) אַז ער וואָלט, נעבעך, געוואָלט, מע זאָל אים מתיר־נדר זיין, אַז ער זאָל קאָנען ווידער שרייבן קריטיק וועגן ליטעראַטור; הגם עס איז זיכער, אַז מיט „אידישקייט" אַליין וואָלט ער די דאָזיקע קריטיק נישט געקאָנט שרייבן, און ער וואָלט געמוזט אָנקומען, אַ קליין ביסל, צו דעם אַזוי פאַרהאַסטן און פון־אים־אַליין־באַשפּיגענעם טאַלאַנט...

און אַז ער האָט זיך שוין צערעדט, דערקלערט ער אומווידעררופלעך, אַז דאָס אַלטע אידישע רעליגיעזע לעבן איז, זינט תמיד, געווען ריין פון שפיכת־דמים, מלחמות, און געגעסטיקט נאָר אין ריינעם גייסט. ווייסט איר פון אַ בעסער סאָציאַל פּראָגראַם?... (זייט 132) און דערפאַר פאַ־דערט ער אויף אַלע אויפגעקלערטע צו פאַסירן אַף דער אפיקורסות און

זיך באַקערן אין דער תורה, אַפּילו ווען מע גלויבט נישט אין איר; (זייט 135) ווייל, אַז איר ווילט שטאַרק, איז — נאָט אייך אַ שאַג פאַר דער גאַנצער אַפּיקורסות פון אונזערע אויפגעקלערטע. וואָס ווייסן זיי דען פון יאָ־גאָט, צי נישט־גאָט? האָבן זיי דען אַמאָל עפּעס ערנסטעס געלייענט? (זייטן 133־134).

איז, אַז מע הערט דאָס אַלץ אויס פון אַ באַוואוסטזיניקן מענטשן, הויבט מען מיט די אַקסלען, פאַר שטוינען, און מע פרעגט זיך: — שוין־זשע האַלט ער אונז פאַר אַזוי גראָב־יונגיש, אַז מיר ווייסן ניט, אַז אַלע יאָרן, וואָס אידן האָבן געפירט אַ געזונט מלוכה־לעבן, אין זייער אייגן לאַנד, זענען אָנגעגאַנגען שוידערלעכע קאַמפן צווישן אָרעם און רייך, פּונקט ווי עס איז געווען דער סאָציאַלער שטייגער אין דער גאַנצער וועלט? די גבירים האָבן געשונדן די הויט פון די אָרעמע לייט, גענומען זייערע זין און טעכטער פאַר שקלאַפן, זיך געבאָדן אין זייער בלוט; און די נביאים האָבן געריסן לעבעדיקע שטיקער פון די הערשנדע קלאַסן, זיי געזאָגט פון בית־המקדש און גערופן: — אַזוי האָט געזאָגט יהוה. ווער דאַרף אייערע קרבנות, אַז די הענט באַ אייך זענען איינגעטונקט אינעם בלוט פון אָרעמאַן? אַז זנות און שפיכת דמים האָבן פאַראומווירדיקט דאָס הייליקע לאַנד, און ירושלים צו אַ זונה געמאַכט... און די נביאים האָבן פאַרשאָלטן די רייכע און אויסגערופן אויף זיי אַלע קללות פון דער תוכחה... נו, און דער גאַנצער אופן פון דעראָבערן דאָס „פאַרשפּראָכענע לאַנד"; און די רציחות פון אַ דוד המלך, וועלכער האָט געמאָסטן די געפאַנגענע שונאים מיט שטריק; און פאַרשיקט דעם חבר אויף דער פייער־ליניע, כדי עס זאָל אים בעסער באַקומען דאָס ווייב זיינס; און אומצייליקע ענלעכע פאַלן אַזעלכע, וואָס גייען דורך, ווי אַ רויטער פאָדים, די גאַנצע אַלטע אידישע געשיכטע; נו, איז דאָס אַלץ ווינציק?

פאַרשטייט זיך, אַז אונזערע רשעים פון אַמאָל, די רייכע קרעציקע הינט, האָבן נישט געקענט, ווי די היינטיקע ברידער זייערע, קעמפן קעגן די אָרעמע לייט מיט דינאַמיט און מיט טרערן־באָמבעס, פשוט דערפאַר, ווייל דאָס מין איז נאָך דאַן נישט געווען — נישט זייער שולד דערביי. אָבער, נישט דערפאַר זאָל זייער רשעות און טומאה געמינערט ווערן אויף אַ האָר.

אָבער פאַר ליבערמאַנען, ווי מע זעט, עקזיסטירט ניט דאָס אַלץ. עס דאַרף געזאָגט ווערן ווענן אים, אַז ער האָט אויגן, נאָר ער זעט ניט; און, אין זיין גרויסן גרימצאָרן, אין קאַמף פון זיין היפּערטראָפישער אַמביציע, נעמט ער אויף באַ אונז דאָס רעכט צו הערן און זען.

3

די דריטע טייל פונעם זאַמלבוך (זייטן 314־139) גיט זיך אָפּ מיט די שטימען פון דער פּרעסע וועגן „אין טאָל פון טויט". עס ווערן געבראַכט אַסאַך ערנסטע אָפּהאַנדלונגען, פאַרעפנטלעכט דורך אידישע שרייבער פון אַלערליי ריכטונגען, וועלכע שטעלן זיך אָפּ באריכות אַפן גאַנצן פּראָבלעם פון די לעצטע יאוש־שטימונגען באַ דער אידישער אינטעליגענץ. כמעט אַלע שרייבער, יעדער אַף זיין שטייגער, פּרואוון נאָכזוכן די סיבות פון דער אַלגעמיינער אייראָפּעאישער ירידה, פונעם שאַרפן קריזיס באַ דער דעמאָקראַטיע און אין די סאָציאַליסטישע רייען. זיי באַמיען זיך צו באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם אין ברייטן וועלט־היסטאָרישן פאַרנעם און אָנווייזן, אַז עס איז נישט בלויז אונזער אייגענע צרה. עס איז דער געראַנגל צווישן גוטס און שלעכטס איבער דער גאָרער וועלט; און דער געראַנגל גייט אָן שווידערלעך, פאַרביסן; דעם פאַשיזם ווערט געשטעלט אַ מעכטיקער ווידערשטאַנד; און, במילא, דאַרף זיין אונזער אויפגאַבע, אַלס אידן, צו שטאַרקן די הענט פון די גערעכטע און, צוזאַמען, קעמפן פאַר אַ בעסערן מאָרגן.

אַזוי פאַרשטייען מענטשן, אידישע שרייבער, אמתע פריינט פון אידישן פאָלק. ליבערמאַן קאָן דאָס אָבער נישט פאַרטראָגן. ער, דער גאַנצער צעלייגער באַ די רבנים און סתם־פאַנאַטיקער, וועלכע האָבן אים פאַרטשאַדעט די געהירן פון קאָפּ מיט זיין נבואה און רוח־הקודש, — ער איז איצט געצוואונגען אויפצוגעבן די גאַנצע זשאָנגלירונג און שוואַרץ־קונסט, אַרונטערנידערן פונעם באַרג סיני און נעמען רעדן, ווי אַ מענטש, מיט שכל און פאַרשטאַנד — אויב ער האָט גאָר עפּעס צו זאָגן.

אָבער דאָס, זעט אויס, איז פאַר אים קיין תכלית נישט, און ער דעצידירט זיך פאַרצוזעצן דעם שווינדל ביז לעצט. עס איז, ממש, צום שטוינען, וויאַזוי אַ מענטש דערוועגט זיך איבערצודרייען און פאַרפּלאָנטערן געדאַנקען, אייגענע און פרעמדע, אַבי צו שיטן יענעם זאַמד אין די אויגן, פאַרטומלען אַ קאָפּ; און אַז דאָס אַלץ לאָזט זיך נישט מער, דאַן איז — אָפּגעזידלט דעם צווייטן מיט די שאַרפסטע זילזולים און דער שונא איז „ליקווידירט"!

אין זיין בראָשור „אין טאָל פון טויט" זאָגט ער: (זייט 319) „זעכצן מיליאָן אידן זענען מיר, צעשפּרייט איבער דער גאָרער ערד, אַ נעץ מיט זעכצן מיליאָן אויגן, און קיינע ניט אָן אַ טרער". האָט זיך דערלויבט אַלטער קאַציזנע (זייט 222) אים צו פרעגן אַ פּשוטע קשיא, פאַרוואָס נישט קיין 32 מיליאָן אויגן? עס האָבן דאָס זעלבע געפרעגט נאָך אַסאַך שריי־

בער, אין זייערע אַרטיקלען איבער דער בראַשור. איז, וואָלט ליבערמאַן געווען אַ שרייבער, באַגלייך מיט אַנדערע, וואָלט ער צוגעגעבן, אַז אַ טעות איז מענטשלעך, און דורכדעם וואָלט דער ווערט פון זיין בראַשור מיט גאָרנישט פאַרמינערט געוואָרן.

נעמט מען אָבער אָן, אַז די בראַשור איז הוילע נבואה, — דאַן מוז יעדע אָנצוהערעניש וועגן אַ טעות אָפּגעוואָרפן ווערן. און אַזוי טוט עס טאַקע ליבערמאַן אליין; און ער קריכט פון דער גלייכער הויט, גיבנדיק צו פאַרשטיין, אַז — דאָ האָט ער געמיינט די „אויגלעך" פון אַ נעץ פון געשטריקטע זאַכן... איי, ווי קומען טרערן צו אויגלעך פון געשטריקטע זאַכן? און וואָס געהערן זיך אָן אַהער, בכלל, געשטריקטע זאַכן? איז דען נישט שענער און גלייכער צו רעדן וועגן די נאַטירלעכע זעכצן מיליאָן פּאָר לעבעדיקע און באַטרערטע אידישע אויגן? — איז, ווער עס פרעגט דאָס, ווערט אָפּגעזידלט, אַלס שוטה; און קאַציזנע ווערט געוואָרנט, (זייט 226-227) אַז יעדער איד האָט אָן אות אין דער תורה, וואָס קוקט אים אוים; נאָר אויב ער, קאַציזנע, וואַרפט דאָס אות אַוועק, (דורך זיין חוזק־טאַן איבער דער נבואה־בראַשור), טאָר זיך עס נישט וואַלגערן אַף דער ערד; דערפאַר הויבט ער (ליבערמאַן) עס אויף און ער קושט עס...

אָבער אַזעלכע לאַפּסוסן זענען אין „טאָל פון טויט" דאָ לרוב, וואָס מיטן פשוטן שכל וועסטו זיי נישט דערקלערן.

אָט טוט ער דיר אַ זאָג: (זייט 336): „הומאַנישקייט איז אַ תורה — ס'איז בלויז א יין פּ ס ו ק פון אונזער תורה". אין דער צייט, וואָס הלל הזקן האָט געזאָגט: „ואהבת לרעך כמוך, זוהי כל התורה כולה, ואידך פירושא הוא". (זיל גמיר.) סיידן מע זאָל אָננעמען, אַז ר' הלל האָט אַ טעות געהאַט. ווי דען אַנדערש?!.

אין „טאָל פון טויט" שרייבט ליבערמאַן: (זייט 333) „מיר האָבן, אַ רגע, אין אונזער געשיכטע, זיך טועה געווען. מיר האָבן געמיינט, עס האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן. נאָר ס'איז געווען אַ פאַלשער באַגינען. ווי אַ קרעט, האָבן מיר אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ; געמיינט, דער פרילינג איז שוין דאָ. ערשט, די אַלטע שטורעמס האָבן זיך אָפּ דאָס ניי צעשפּילט. וועלן מיר זיך צוריק אַריינציען אין דער נאָרע פון אונזער נשמה און וואַרטן אַף טאָג".

אַזעלכע און אַנדערע פראַזן, וועלכע זענען צעוואָרפן, אַזוי בשפע, איבער דער גאַנצער בראַשור, רעדן קלאָר און אומצווויידייטיק דערפאַר, אַז מיר, אידן, האָבן זיך קיינמאָל מיט דער וועלט נישט אָנגעהערט און, אויך איצט, דאַרפן מיר זיך פון דער וועלט דערווייטערן. אַזוי פאַרשטייט דאָס יעדער איינער, וועלכער איז נאָך, ברוך השם, באַם זינען.

ב. שעפּנער (זייט 245) באַטיטלט דאָס, אַלס אידישע ראַסן־טעאָריע; און ער כאַפּט אַריין געזידלט.

י. ראַפּאַפּאָרט (זייטן 269־281) פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ בילבול אַף דער אידישער געשיכטע און אַף דער וועלט־געשיכטע צוגלייך. עס איז פאַלש, זאָגט ער, די באַהויפּטונג וועגן אַ היסטאָרישן קאַמף צווישן אַי־דישן רעכט און אַלוועלטלעכן אומרעכט. דער קאַמף איז, זינט תמיד, אָנ־געגאַנגען צווישן אַלוועלטלעכן רעכט קעגן אַלוועלטלעכן אומרעכט. אָט דער אומרעכט האָט געוואָרצלט אומעטום, אַזוי גוט בא אונז, ווי בא זיי; און, אין אַלע צייטן, האָבן מיר, צוזאַמען מיט זיי, געקעמפּט קעגן דעם אומרעכט; און זיי, צוזאַמען מיט אונז, האָבן געליטן און געפּייניקט גע־וואָרן, ווען דאָס רשעות האָט נאָר באַוויזן אויפצוהויבן דעם קאָפּ. אַזוי איז עס אויך אין היינטיקער צייט. מיר ליידן נישט מער פון די שפּאַניער, די כינעזער, די אַביסיניער, און די דערדריקטע פאָלקס־מאַסן אין אַלע פאַר־שקלאַפּטע טיילן פון אייראָפּע. עס איז, דעריבער, אַן אומזין אויפצוהויבן אַ רוף וועגן „אַריינציען זיך צוריק אין דער נאָרע פון אונזער נשמה". מיר דאַרפן ווייטער פאָרזעצן דעם באַפרייאונגס־קאַמף, צוזאַמען מיט דער גאַנ־צער בעסערער וועלט. און אויב עמיצער וויל דווקא אַריינקריכן צוריק אין דער נאָרע פון זיין נשמה — דאַן זאָל ער עס טאָן שווייגנדיק. זאָל ער דאָס נישט טאָן אַף אַזאַ אופן, וואָס איז עלול צו דעמאָראַליזירן אונזער גייסט און קאַמפּס־מוט, וואָס זענען אונז שוין לאַנג נישט געווען אַזוי נויטיק, ווי איצט.

עס איז נישט רעכט, שרייבט ווייטער י. ראַפּאַפּאָרט, צו באַהויפּטן, ווי ליבערמאַן, אַז די וויכטיקסטע הומאַניטאַרע געזעצן, ווי למשל: „איין געזעץ פאַר אייך און פאַרן פרעמדן", זענען אַנטשטאַנען, צוערשט, בא אונז. ווייל, ערשטנס, איז שוין דערוויזן געוואָרן דער צושטייער פון פריער־דיקע פעלקער און הומאַניטאַרע גאונים, ווי האַמוראַבי; און, צווייטנס, קאָן מען דאָך פאָרט נישט פאַרגלייכן די דערקענונג מיט דער אויספירונג. מיר האָבן טאַקע פרי דערסענט גרויסע אמתן; אָבער צי האָבן מיר זיי אויסגעפירט?

איז, נישט־האָבנדיק אַף דעם אַלעם קיין קלאָרן ענטפער, זידלט אים ליבערמאַן סתם אַזוי, הלמאי ער וויל נישט אָנערקענען אונזער אויסדער־וויילטקייט, קוועלט אַזוי אַריין אין דער ביבל־קריטיק, און ער דערנידע־ריקט די הייליקע תורה ביז דער מדרגה פון פּשוטער געשיכטע (זייט 273).

ש. מענדעלסאָן (זייט 156־165) האָט אויך אַנדערש נישט פאַרשטאַ־נען, אַז דער רוף „זיך צוריקציען אין דער נאָרע" מיינט — רעזיגנירן. זאָל די אידישע מאַסע זיך צוריק איינשליסן אין די אייגענע ד' אמות,

ארומפּאַנצערן זיך, אַנטלויפן פון דער בייזער שלעכטער וועלט; וואָס מיינט, גלייכצייטיק, זיך אָפּזאָגן פונעם געזונטן דיפערענצירונגס־פּראָצעס אין אידישן לעבן און זיך־אויפגיסן צוריק אין איין פּאַרמלאָז באַשעפעניש...

אָבער ליבערמאַן דערקלערט אָט די דעפיניציע, אַלס ניט־ערלעכע און וואולגאַרע. ער פאַרזיכערט, אַז קיינער האָט נישט געמיינט אָפּצוטרעטן, פרייוויליק, איין שפּאַן פון דער וועלט עקאָנאָמיש, פּאָליטיש, און אפילו קולטורעל; (זייט 156) און אַז עס איז נישטאָ קיין מער פּאַרמלאָז באַשע־פעניש, ווי דער אידישער לינקיזם. (זייט 159).

און ער מאַכט זיך פאַרגעסן, וויאַזוי ער אַליין האָט, אַזוי נאַריש, אומפאַראַנטוואָרטלעך, געחוזקט (זייט 72) פון דער „שיינער גריכישער קונסט, געטע, טאָלסטאָי, ליטעראַטור־שמאַטעראַטור — אַ בלאָט גמרא, דאָס איז אַן ענין"! און אַז, אַנשטאָט דעם „פּאַרמלאָזן לינקיזם", פּלאַפּלט ער אַליין אויס קאַטעגאָריש: (זייט 114) „איך וויל טאַקע אַסימילאַציע. מיר ווילן זיך נישט אָפּזאָגן פון דער וועלט. פאַרקערט, מיר ווילן די גאַנ־צע וועלט"!

אויך ש. קאַזשדאַן (זייטן 262־268) האָט פאַרשטאַנען, אַז דער רוף „צוריק אין דער נאָרע און וואַרעמן אפן טאָג" מיינט — פולשטענדיקע אי־זאָלירונג פון דער וועלט! און ער זאָגט, מיט האַרץ: — אָבער אין 1938 מעג דאָך שוין אַ חיים ליבערמאַן וויסן און פאַרשטיין, און נישט פאַר־שווייגן, אַז — דער גאַנצער באַגריף „זיי" און „מיר" איז אַ ליגן; אַז עס זענען פאַראַן „גויאים" און „גויאים", אידן און אידן; אַז דער פאַשיזם איז אַן אומגליק פון דער גאַנצער מענטשהייט. און, אויב די גאַנצע וועלט איז רשעות, און מיר ווילן זיך פון איר צוריקציען, היינט, וויאַזוי וועט קומען דער געגאַרטער טאָג?!

אָבער ליבערמאַן האָט דאַרויף אַן אומדערשיטערלעכן ענטפער: — ס'איז אַ ליגן. אין דער אמתן, איז דאָ נאָר איין פּראָבלעם אף דער וועלט, אידישקייט און גויאישקייט, איד און גוי; און אַלע אַנדע־רע פּראָבלעמען רעדוצירן זיך בלויז צו דעם...

4

ווי מע זעט, איז ליבערמאַן ניט גאָר אינגאַנצן שווה־בשווה מיט דער וועלט. ער גיט זי אוועק, און ער כאַפּט זי צוריק, ווי ווען עס לוינט אים.

און דאָס אייגענע פּאַסירט באַ אים, וואָס אָנבאַלאַנגט דער גרויסער וויסנשאַפט פון דער וועלט. ער קאָן נישט שטעלן דעם געדאַנק וועגן איר.

אַט איז זי בײַ אים גרויס, אַט — מינדערוויכטיק. אַט ווערט ער פֿון איר נתפּעל און אַט לאַכט ער זי אויס. עס איז געוווּנדערט, פֿאַרשטייט זיך, וואו די זאַך קומט צו רייד...

י. באַשעוויס (זײַטן 195-200) האָט געגנוג ליב־ווערטער פֿאַר דער בּראָשור „אין טאָל פֿון טויט". ער פּרוּווט אָבער אַגווייזן, אין אַ גענוג־ערנסטן טאָן, אַז, פֿאַר דער קאָמפּליצירטקייט פֿון הײַנטיקער צײַט, איז נישט גענוג, ווען מען באַהאַלט זיך אוים הינטער פּאַטעטישער מליצה, ווי די פֿאַרצײַטישע נביאים. אַ מאָדערנער שרײַבער, וואָס וויל עפּעס זאָגן, מוז זײַן באַוואָפֿנט מיט גײַסט און וויסן, אַף צו קאָנען נאָכזוכן אַ קאָנקרע־טע וויסנשאַפֿטלעכע לייזונג צו די פֿאַרפּלאָנטערטע פּראָבלעמען. זאָל ליי־בערמאַן רעדן קלאָר, אויב ער ווייסט, און אָנווייזן, וואָס צו טאָן — אַז אידן און די וועלט זאָלן זיך ראַטעווען פֿון אונטערגאַנג.

איז דאָס אַ באַליידיקונג, חלילה, אָוועקצושטעלן אַזוי די פֿראַגע?

— באין אופן נישט. אַ שרײַבער איז דאָך נישט מחויב אַלץ צו וויסן. עס איז אָפֿט גענוג, ווען ער רעגט אָן צום נאָכדענקען, צום פֿאַרטראַכטן זיך; און, ווען מען טראַכט, געפֿינט מען.

בײַ ליבערמאַנען גייען אָבער־צו די זאַכן אַנדערש. אַ זאַך, וואָס ער ווייסט נישט, האָט נישט די ווערט, מען זאָל עס וויסן... און, נישט־האָבנ־דיק, וואָס צו זאָגן באַשעוויסן, נעמט ער אויסלאַכן די גאַנצע וויסנשאַפֿט, אויסרופֿנדיק: (זײַט 201) — ס'איז נאָר אַ רחמנות אַף באַשעוויסן, וואָס, אַלע 50 יאָר, איז אַ נײַע וויסנשאַפֿט. וויפֿל מאָל האָט זיך שוין געביטן די וויסנשאַפֿט, זינט ישעיה? אָבער זײַן נבואה איז אייביק. שכל פֿאַר־גייט, פּאַטאָס באַשטייט.

הייסט עס, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ מענטשן, וואָס וויל נישט האָבן צו טאָן מיט קיין וויסנשאַפֿט. ער האַלט נישט פֿון איר...

איז בדיעבד, אויך די אייגענע מעשה. אַז ער האַלט נישט, דאַרף מען נישט. ווּעמען שטערט עס?

איז אָבער די צרה, וואָס ער האַלט נ י ש ט , און ער האַלט י אָ; אַז מיר ווייסן ניט, וואו מיר האַלטן מיט אים אין דער וועלט!

הערט אָקאָרשט. יעקב באַטאַשאַנסקי, — וואָס האָט, אין יענער צײַט, נאָך געהאַט צו־טאָן מיט סאָציאַליזם — טרעט אַרויס (זײַטן 188-193) קעגן ליבערמאַנס פֿאַלשער באַהויפּטונג, אַז די אידן זענען דער געשאַף פֿון אַ אידייע; ווײַל דאָס מיינט צו זאָגן, אַז די אידייע שאַפֿט דעם מענטשן; אין דער צײַט, וואָס מאַרקס ה אָ ט ד ע ר ו ו י ז ן , אַז ניט דער באַוואוסטזײַן (די העכערע אידייע) באַשטימט דאָס זײַן, נאָר אַז

פאַרקערט: דאָס זיין שאַפט דעם באַוואוסטזיין; וואָס מיינט, אַז די אי־
דייע איז דער געשאַף פון מענטשנס זיין.

אָבער דאָ רייסט ליבערמאַן איבער באָטאָשאַנסקין מיט אַ באַמער־
קונג, וועלכע רעקאָמענדירט זיך אַליין, אַלס שעדעווער פון „אייזערנע לאָ־
גישע" אַבסורדן, און מירן זי ציטירן כמעט אינגאַנצן:

„קאַרל מאַרקס האָט עס ניט דערוויזן. שוין דערפאַר
אַליין, וואָס די דאַזיקע טעאָריע דעקט נישט דאָס אידישע פאָלק, און די עק־
זיסטענץ פון אידישן פאָלק איז זי סותר.

„די דאַזיקע טעאָריע פון מאַרקס, אַז דאָס זיין איז אַלץ, און דער באַ־
וואוסטזיין — גאָרניט, דאָס הייסט, דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם,
איז אַ טעות, וואָס האָט געבראַכט און וועט ברענגען דער מענטשהייט
פונקט אַזויפיל שאָדן, ווי די אַריסטאָטעלישע דעדוקטיווע לאָ־
גיק, וואָס האָט געשטעלט דאָס דענקען אַף דער מעטאָדע פון כלל צום
פרט, און ניט פאַרקערט. דאָס האָט געמיינט, אַז דער מענטש קאָן אַלץ
דערגיין פון דעם אייגענעם שכל אַרויס צו דער וועלט, און ניט — פון
דער וועלט צום שכל. דאָס האָט דערפירט צו דער סכאָלאַסטיק, און דער
אייראָפּעאישער געדאַנק איז, הונדערטער יאָרן, דורכדעם, געלעגן, אַ פּאַ־
ראַליזירטער. ערשט, ווען עס איז געשאַפן געוואָרן די אינדוקטי־
ווע לאָגיק — פון פרט צום כלל — איז דער אייראָפּעאישער געדאַנק
באַפרייט געוואָרן פון זיינע קייטן, און עס איז מעגלעך געוואָרן די
גאַנצע מאָדערנע וואונדערבאַרע וויסנ־
שאַפט.

„קאַרל מאַרקס טעות איז ענלעך צו אַריסטאָטעלעס. ער האָט אוועקגע־
שטעלט אַ כלל — דאָס זיין שאַפט דעם באַוואוסטזיין — און די אָנ־
הענגער פון דער טעאָריע נעמען יעדע היסטאָרישע דערשיינונג און ברעכן
און קנעטן זי, זי זאָל שטימען מיט דער טעאָריע. דאָס האָט שוין גע־
בראַכט אין די סאָציאָלאָגישע דיסקוסיעס צו אַ נייער סכאָלאַסטיק, וואָס
פּאַראַליזירט אַף דאָס ניי דעם מענטשלעכן געדאַנק, אַזוי ווי די סכאָלאַס־
טיק אין מיטלאַלטער.

„נאָך פון דער צייט, ווען איך בין געווען אַ קליין אינגל, געדענק
איך, ווי מיין טאַטע האָט אָפּגעשאַפט מאַרקס טעאָריע. ער האָט גע־
וואוינט אין אַ דאָרף, אַ מטופל מיט פופצן קינדער. איז אָנגעקומען אַן
אוקאַז אים אַרויסצוואַרפן פון דאָרף. איז ער אוועק צו אָרעמקייט און
נויט. אָבער, ווען ער זאָל זיך געווען שמדן, האָט ער געקאָנט ווערן אַ
גאַנצער פּריץ. נאָר, זיין אידישער באַוואוסטזיין האָט באַשטימט זיין זיין.

„און אַזוי זענען געווען אַלע אידישע טאַטעס. און אַזוי לעבט דאָס
אידישע פאָלק".

עד כאן — די באמערקונג.

איז, ערשטנס, גרוים דער חידוש, וואָס אַזאַ איד, ווי ליבערמאַן, וואָס לאַכט אַזוי שטאַרק אויס די וויסנשאַפט „וועלכע טוישט זיך אַלע פופציק יאָר", — זאָל, מיטאַמאָל, אַריין אין התפעלות און דערקלערן, אַז, ווען דער אייראָפּעאישער געדאַנק איז באַפרייט געוואָרן פון זיינע קייטן, איז מעגלעך געוואָרן „די גאַנצע מאָדערנע וואונדערבאַרע וויסנ־שאַפט"?!

איז — אָט די וויסנשאַפט צום לאַכן; און — אָט, גאָר פּלוצים, צום באַוואונדערן; ווי ווען עס לוינט זיך, נאַטירלעך.

אָבער, נאָך נישט דאָס איז דער עיקר. מירן זען, פאַרוואָס איז די מאָדערנע וויסנשאַפט אַזוי וואונדערבאַר־שעפעריש. דערפאַר, דערקלערט ליבערמאַן, און מיט רעכט, וואָס דער אייראָפּעאישער געדאַנק האָט זיך באַפרייט פון דער פּאַראַליזירנדער אַריסטאָטעלישער דעדוקטיווער לאָגיק — פונעם כלל צום פּרט, אָדער, פונעם שכל צו דער וועלט — און דערקענט די אינדוקטיווע לאָגיק — פונעם פּרט צום כלל, אָדער פון דער וועלט צום שכל... אָבער דאָס וויל דאָך זאָגן, מיט אַנדערע ווערטער, אַז די דעדוקטי־ווע לאָגיק האָט געשטעלט דעם שכל, וואָס מיינט דעם באַוואוסטזיין, די אידייע — אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון דער אַרומיקער מאַטעריעלער וועלט פונעם רעאַלן זיין; און דערפאַר האָט דער מענטשלעכער געדאַנק, דער באַוואוסטזיין, געבלאָנדזשעט און, אין לויף פון יאָרהונדערטער, געבליבן געפּלעפט, אונטער דער גרויזאַמער לאַסט פון דער „פרייער פון פאָרויס־באַשטימטער" אידייע, וועלכע האָט פאַרבלענדעט און נישט געלאָזט דער־זען די ווירקלעכע רעאַליטעט פון דער וועלט.

ערשט, מיטן אויפקום פון דער אינדוקטיווער לאָגיק, דער דיאַלעק־טישער, ווערט צעשטערט די דערדריקנדע מיסטעריע פון דער „פרייער אי־דייע, פון דעם אומאָפּהענגיקן באַוואוסטזיין"; און דער שכל, אַ פריי־גע־וואָרענער פון די קייטן, ווערט באַהעפט צו דער אַרומיקער מאַטעריעלער וועלט, צום רעאַלן זיין; ער דערוואַכט פונעם דורותדיקן הינערפּלעפט, ער נעמט אויף די וועלט און דאָס זיין, פונוואַנען ער ציט שלוסן, ער שאַפט דעם רעאַלן באַוואוסטזיין, די ווירקלעך־פרייע אמתדיקע אידייע.

אַזוי, און ניט אַנדערש, האָט עס פאַרשטאַנען קאַרל מאַרקס, דער שעפער פון מאָדערנעם וואונדערבאַרן וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם; וועלכן ער האָט אינגאַנצן באַפרייט פון אונטער דער לאַסט פון סכאָלאַסטישן אי־דעאַליזם, וואָס האָט אים געהאַלטן פּאַראַליזירט און געפּלעפט, — און אים באַהעפט צו דער לעבעדיקער שעפערישער רעאַליטעט.

„נישט דער באוואוסטזיין באשטימט דאס זיין; נאר, פארקערט, ערשט דאס זיין באשטימט דעם באוואוסטזיין".

מיט איין ווארט, דער היסטארישער און דיאלעקטישער מאטעריא־ליזם. היינט, וואו־זשע, און בא וועמען, אום גאטס־ווילן, שטעקט דא דער טעות?!

אבער, אומזיסט די גאנצע אנשטרענגונג. ליבערמאן דערקלערט קא־טעגאריש, אז די דאזיקע טעאריע פון היסטארישן מאטעריאליזם איז סותר די עקזיסטענץ פון אידישן פאלק... עס מיינט, מיט אנדערע ווערטער, אז דער קיום פון אידישן פאלק איז ניט אין הסכם מיט דער מאדערנער מ א ט ע ר י א ל י ס ט י ש ע ר וויסנשאפט. אונזער זיין לאזט זיך נישט אנגעבן, באין־אופן, ווי א סאציאלאגיש־וויסנשאפטלעכער פאקט אין דער געשיכטע. אונזער אומדערשיטערלעכע עקזיסטענץ, אלס פאלק, איז די פולשטענדיקע נעגאציע פון דער וויסנשאפט. זי, די מאדערנע וויסנ־שאפט, זעט דעם אנהויב פון אלץ אין דער מאטעריע, אינעם זיין, פונוואַ־נען עס אנטשטייט, דערנאך, די אידייע, דער באוואוסטזיין. אבער, אונזער עקזיסטענץ, אלס אידיש פאלק; (דער פאל מיט זיין פאטער, וואס פאר־לאזט דאס דארף); אין אלגעמיין, אונזער קידוש־השם, זינט דורות, לאזט זיך אין דעם נישט ארייננפאסן. עס באווייזט, אז מיר זענען דער באשאף פון א העכערער פרייער אידייע, וועלכע הערשט איבער דער מאטעריע; און פון דארט ציען מיר אונזער ׳ניקה, אונזער עקזיסטענץ, אונזער בא־וואוסטזיין...

אט די הנחה איז דאך, אייגנטלעך, דער גאנצער יסוד פון ליבער־מאנס וועלט־אנשויאונג, און פון איר, זעט עס אויס, וועט ער נישט מוותר זיין קיין אות.

נישט מער, וואס, אז ער פארגעסט זיך אמאל, ער גיט זיך נישט קיין רעכענונג, — אזוי כאפט זיך בא אים ארויס עטוואס קעגנגעזעצטעס — און, במילא — לאגישעס אויך.

אזוי, האט ער דעם מוט צו דערקלערן, (זייט 113) אז — א ד ע ר־ ש יי נ ו נ ג, וו א ס צ י ט ז י ך ש ו י ן ב א ל ד 4 ט ו י ז נ ט י א ר א י ן ד ע ר ג ע ש י כ ט ע, (ד א ס א י ד י ש ע פ א ל ק) א י ז, א י ן ד ע ר ס א צ י א ל א ג י ע, א וו י ס נ ש א פ ט־ ל ע כ ע ר פ א ק ט; א ז ו י וו י ס נ ש א פ ט ל ע ך, וו י ד ע ר ה י ס ט א ר י ש ע ר מ א ט ע ר י א ל י ז ם...

און, באמת, פארוואס דען נישט? מען דארף נאר וועלן זיין אביסל אויסגעהאלטענער און, טאקע טאלעראנטער; אזוי דערזעט מען גלייך, אז

— נישט נאָר בא אונז; אומעטום, בא אַלע אומות, זענען געגאַנגען מאַר־מירער אױף קידוש־השם, פאַר דער אידייע.

און — אפילו פאַר דער אידייע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, וואָס לערנט, אַז דאָס זײַן באַשטימט דעם באַוואוסטזײַן, — האָבן טויזנטער און טויזנטער מקריב געווען דאָס לעבן זייערס, דאָס זײַן, צוליב דער אי־דייע, דעם נאָבעלן באַוואוסטזײַן.

פאַרוואָס? — נישט דערפאַר, ווײַל זיי זענען באַלויכטן געוואָרן פון אַ העכערער אידייע פון די הימלען. דאָס האָט די גרויסע אידייע אַרויסגע־שטראַלט פון זייער זײַן, וואָס מיינט — אָנגעלעבטן לעבנס־שטייגער: פון זייער שטענדיקער פּיין; פון זייער בענקשאַפטלעך געזאַנג צו פרייהייט; פון זייער האַס צו די מערדער; און פון זייער טיפן מענטשלעכן שטאָלץ צו שטרעקן דאָס לעבן פאַרן חבר, פאַרן הייליק־מענטשלעכן זײַן.

אַזוי זענען אידן געגאַנגען אױף קידוש־השם.

אַזוי זענען רעוואָלוציאָנערע קדושים, אומעטום, געגאַנגען דעם טויט אַנטקעגן.

5

איין גורל בינדט אונז מיט דער איבעריקער מענטשהייט, זינט דעם באַגינען פון דער וועלט־געשיכטע. דאָרט, וואו די מענטשהייט, דאָרט זע־נען מיר. און איין צוקונפט האָבן מיר, צוזאַמען מיט דער גאַנצער מענטש־הייט; און דאָס איז די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַפרייאונג.

אין די איצטיקע געפערלעכע שעהן פאַרן אידישן פאָלק און פאַר דער גאַנצער וועלט־דעמאָקראַטיע, טאָרן מיר זיך ניט לאָזן פאַרבלענדן פון קיין נאַציאָנאַליסטישן איזאָלאַציע־שיגעון, צי גאָר אַרײַנפאַלן אין פאַרצווייפלונג; נאָר, מיט דער ניכטערקייט פון געמיט און מיט דער גרעס־טער אחריות, דערפילן דעם געבאָט פון דער שעה. מיר דאַרפן אַנאַליזירן די וועלט־געשעענישן, ניכטער און קלאָר, און זעען, וואוהין עס פירט דער וועג.

מיר זענען פונפאָרויס זיכער — ווײַל עס לערנט אונז אַזוי דער טויזנט־יאָריקער גלויבן אין וועלט און מענטש — אַז דער וועג פירט צום נצחון פון דער פרייהייט. מעג זיך ווי אַזוי האָבן געשטאַרקט דאָס פינצ־טערניש אין דער וועלט; און מאָג ווי גרויס זײַן דער פאַרמעסט פונעם רשעות, — וועט זיך עס ענדיקן, איצט ווי תמיד, מיטן אויפשײַן פון גרויסן טאָג.

אָבער, נישט אַליין וועט קומען דער זיג פון דער פרייהייט, אַפילו ווען ער האָט אַלע שאַנסן צו קומען. פאַר דער פרייהייט דאַרף מען קעמפן, און זי אויסטראָגן אין אייגענעם בלוט.

ווייל, זי, די פרייהייט, איז אומבויגזאַם, ווי די גערעכטיקייט אַליין; און זי פאָדערט דין־וחשבון פאַר די באַגאַנגענע קעגן איר חטאים.

און ווירקלעך, די וועלט־דעמאָקראַטיע האָט שווער און ביטער גע־זינדיקט קעגן פעלקער און לענדער; ביז זי האָט דערפירט די גאַנצע מענטשהייט צום ראַנד פון אומקום.

עס האָבן, אפשר, אַלע געזינדיקט, פון גרויס ביז קליין, און פון רעכטס ביז לינקס אַריינגערעכנט.

עס האָט געזינדיקט די פּאָליטיק, וואָס האָט געשפּאָלטן די פּראָלע־טאַרישע באַוועגונג, געוואָרפן די אַרבעטער־מאַסן אין אויסראַטונגס־קאַמף קעגן זיך אַליין און, דורכדעם, געעפנט דעם שטאָלענעם פראָנט, די אומ־דערשיטערלעכע דאַמבע פאַר דער פאַשיסטישער אינוואַזיע.

עס האָבן שווער געזינדיקט יענע בורזשואַז־דעמאָקראַטישע לענדער, וועלכע האָבן געקעכלט דעם פאַשיזם, אים געהאָדעוועט און גרויס גע־מאַכט, אַז ער זאָל גיין און שטיקן אומעטום די מאַסן־פרייהייט; און, צום סוף, האָבן זיי זיך אויסגערעכנט דערויף, אַז די גיפטיקע שלאַנג האָט זיך גאָר געוואָרפן אויף זיי אַליין, גרייט זיי צו פאַרשלינגען.

פאַר זייערע חטאים גייט אויף די מענטשהייט אין בלוט; און עס ווערט געשטעלט אין קאָן דאָס טייערסטע און הייליקסטע פון מענטשנס האָב־און־גוטס — די אַלוועלטלעכע קולטור.

אָבער איצט, ווען די וועלט־דעמאָקראַטיע האָט זיך, ענדלעך, גע־כאַפּט אויף אירע באַגאַנגענע זינד און אויפגעטראָטן אין פאַרביטערטן קאַמף קעגן דעם פאַשיזם, — איז נישט קיין צייט פון אונטערטראָגן אַ חשבון.

איצט איז די שעה פון קאַמף, און — געשטאַרקט זאָלן זיין די הענט פון די קעמפער!

אומעטום, וואו מיר זענען, אידישע פאָלקס־מאַסן, איז אונזער גרוי־סע אויפגאַבע אַצינד — זיך קלאַמערן, מיט אַלע כוחות, אָן דער דעמאָ־קראַטיע, אָן דער אייגענער און אַלוועלטלעכער, אינעם אַלגעמיינעם קאַמף קעגן דעם רשעות, ביז זיין לעצטער פאַרטיליקונג.

אונזער נצחון איז זיכער, ווייל ער געהער צו דער גאַנצער מענטש־הייט; און זי, די מענטשהייט, קאָן נישט פאַרשפּילן, זי קאָן בלויז גע־ווינען.

מיר מוזן אָבער געדענקען, אַז דער טאָג פון גרויסן זיג וועט, גלייכ־צייטיק, ווערן דער טאָג פון לעצטן אַנטשיידענעם חשבון פאַר די זינדיקע.

די אַזוי־שווער אין בלוט־אויסגעקעמפטע פרייהייט וועט זיך נישט לאָזן מער פאַרשאַכערן אין די הענט פון די פסעוודאָ־דעמאָקראַטן און שלאַנגען־האָדעווער.

זי, די פרייהייט, די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע דעמאָקראַטיע, וועט, איינמאָל אַף שטענדיק, אַ סוף מאַכן צו דער רעאַקציאָנערער גאַנגרענע אין אונזער מיט; און איבערגיין צו ווערן דאָס אייגנס פון דער גאַנצער מענטשהייט.

מיטן גלויבן אין יענעם טאָג, צום קאַמף, חבר!

יאַנקעוו באַטאָשאַנסקי — א יובילאַר1)

(באַמערקונגען צו זיינע 30 יאָר ליטעראַריש־קולטורעלער טעטיקייט)

די וויכטיקייט פון א רעדע באשטייט
אין דעם, וואָס נאָך איר דערשפּירט מען
די חשיבות פון שטילשווייגן.
(פאָלקס־וואָרט.)

י. באַטאָשאַנסקי איז, אין גרונט גענומען, א קעמפער. ער שטייט אַלע זיינע יאָרן, אין קאַמף פאַר אַן אָריגינעל אידיש לעבן; פאַר אַן עכטן אין נישט־געפעלשטן אידישן לעבנס־שטייגער; פאַר אַן אויפריכטיקער אידישער מאַסן־קולטור, וועלכע איז אין זיך קוילעל: א ברייט צעצווייגטע אידישע ליטעראַטור; א מאָדערן אידיש טעאַטער־וועזן; א וועלטלעך אידיש שול־וועזן; א געזונטע אידישע יוגנט־באַוועגונג א. א.

אין די אַלע געבראַכטע פאַזן פון זיין טעטיקייט איז ער שטענדיק געבליבן דער אומקאָמפּראָמיסלעכער קעמפער קעגן דער באַנאַליטעט און פאַרפלאַכונג פון אידישן לעבן און קעגן אַלערליי מינע אַסימילאַטאָרישע געפעלשטקייטן פון דער אידישער קולטור. ער איז דער שטאָלצער פאַרטייטיקער פין דער טעזע, אַז, בלויז מיטן גרינטעווען און שעפּן פון אייגענעם אידישן קוואַל, קאָן מעגלעך זיין אויפצוריכטן אַן אייגנאַרטיק אידיש־וועלטלעך לעבן, וואָס זאָל די ווערט האָבן זיך צו שטעלן אין פאַרמעסט מיט פעלקער אין קולטורן און אויסהאַלטן די פּראָבע. מיט איין וואָרט: ער איז שטאָלץ אויף דער קולטור פון זיין פאָלק און אויף זיין אידיש לאָשן,

1) געשריבן, אין יולי 1940.

די שפּראַך פון די פאָלקס־מאַסן. ער קעבלט זי, די שפּראַך; ער צערטלט זי, ווי דער אייביק־יונגטלעכער פאַרליבטער; און ער קישעפט פון איר אַרויס די צאַרטסטע טענער און ניואַנסן פאַר געפיל און געדאַנק; פאַר זיין פיל־קאָמפּליצירטער אינטעלעקטועל־עמאָציאָנעלער טעטיקייט.

אין זיין דראַנג נאָך אַ ברייטער אידישער מאַסן־קולטור, איז ער, י. באַטאָשאַנסקי, טאָלעראַנט ביז גאָר; און ער קעמפט פאַר אַ ל ו ע ל ט־ל ע כ ק יי ט פון אידישן לעבן. ער איז קאַטעגאָריש קעגן איינשטעלן מעכיצעס צווישן טיילן פון אידישן לעבן אין איין לאַנד, און אַנדערע טיילן אין אַ צווייט לאַנד. ער קאָן נישט מעוואַטער זיין אויף דער מינדער־סטער טייל פון אידישן פאָלק, וואָס לעבט וואו־פאַרוואָרפן; ווייל ער זעט בעכוש די אָרגאַנישע צוגעבונדנקייט, דעם איינהייטלעכן גורל און אַכ־רייעס פון אַלע אונזערע ברידער, אַלס אידן אויף דער וועלט, בלויז אין דער דעמאָקראַטישער אַכדעס פון אַלוועלטלעכן אידנטום זעט ער די אָר־ווּעס פון אידישן קיעם, און דעם אויפקום פון עכטן אידישן גייסט. און דאָס זעלבע — אינעם לאַנדס־מאַסשטאַב. מעג זיך אַ אידישער קיבעץ, אין וועלכן לאַנד, טיילן אויף טאַרפאַט־גרופּירונגען, עקאָנאָמישע און פּאָליטי־שע; אַלע — לאָגיש־דערקלערטע און, אָן־און־פאַר־זיך — עקזיסטענץ־באַ־רעכטיקטע, — טאָר אָבער קיין איינע פון די גרופּירונגען נישט פאַרגעסן קיינמאָל, אַז זי איז אַ טייל פון אַ גאַנצן אידישן קיבעץ, צו וועמען זי באַלאַנגט, מיט איר גורל און קיעם; פון וועמען זי שעפּט יעניקע פאַר איר וואוקס; און צו וועמען זי איז שולדיק טאָמעד אַ געשבן פאַר איר טואונג. בלויז אָט דאָס טיפע אַכרייעס־געפיל מאַכט גרויס אונזער לעבן; און וויר־דיק די לאַסט — אָפּן פאָלקס פּלייצעס.

מען האָט געקאָנט דערוואַרטן, אַז, אין היינטיקע צייטן פון היפּער־פּאַרטייאישער אַנטפּלעקונג; ווען איטלעכע פּאַרטיי איז גרייט צו באַווייזן, מיט די „ש ל אָ ג נ ד י ק ס ט ע” אַרגומענטן, אַז אויסשליסלעך זי אַליין שטייט באַם אומפּעלערהאַפטן צאַפּן פונעם וועלט־עמעס, — זאָל אַזאַ פאָנען־טרעגער, ווי י. באַטאָשאַנסקי, אויפגענומען ווערן נ י ט־נ ע ר ן — אויב נישט פון אַלע גרופּעס באַגלייך. ער אַליין האָט זיך דאָס געדאַרפט פאָרשטעלן, ווען ער איז, מיט יאָרן צוריק, געקומען אַהער, קיין אַרגענטינע; און, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט שטורעם און דראַנג, זיך־פאַרלייגט צו גרינדן די פּאַרטיי פון די אומפּאַרטייאישע... ער האָט געהאַט קעגן זיך אַסאַך, און באַזונדערס — די אָרגאַניזירטע מיטל־מעסיקייט, דאָס ערעוו־ראַוו, וואָס יווירט אויף אומעטום, דאָרט וואו גע־זונט אידיש לעבן נעמט זיך פורעמען און וואַקסן; עס איז איר נישט גיכע, דער מיטלמעסיקייט, דער עכטער אידישער לעבנס־דראַנג, און זי

פאַרלייגט זיך אַף זיין לעבן, אים אומצוברענגען. און, עס הויבט זיך אָן דער קאַמף.

אין דער קולטור־געשיכטע פון יונגן אידישן קיבוץ אין אַרגענטינע האָט דער יונגער פּיאָנער, י. באָטאָשאַנסקי, אַריינגעשריבן נישט איין שטורמיש בלאַט פון קאַמף. מיט אַ זעלטענעם מוט און אָפנהאַרציקייט, האָט ער אָנגעגריפן די קעגנער פון אַן עכטער אידישער מאַסן־קולטור; אָנגערופן זייערע טאַטן באַם נאָמען און... זיי גערופן צו באַזינונג. אויך אין דעם איז געלעגן זיין גרויסער קויעך, זינט טאָמער: — נישט צו פאַרשטויסן קיינעם, נאָר צו דערנעענטערן. נישט צו דערקלערן קיינעם פאַר קיין פאַרלוירענעם סוינע, נאָר זוכן אין איטלעכן דעם פריינט פאַר דער אַלגעמיינער זאַך פונעם פאָלק. טאָלעראַנץ און קאַמף, געפּאָרט אין איינעם.

אין זיינע עפנטלעכע אַרויסטריטן, אַלס טריבון; און, אין זיינע שריפטן פון פאַרשיידנסטן ליטעראַרישן זשאַנר: אַלס דראַמאַטורג, דערציילער, פובליציסט, ליטעראַטור־און־טעאַטער קריטיקער; האָט ער באַצוועקט איינע און די זעלבע זאַך: רייניקן דאָס פסוילעם פון אונזער מיט, און דעם געלייטערטן באָדן פאַרפלאַנצן מיט די קערנער פון עכטער אידישער קולטור; מיט דער ליבע צו זיך; און מיט דעם געפיל פון ווערדע צו זיך אַליין, אַלס איד און אַלס מענטש. מיט זיינע אומצאָליקע ליטעראַרישע אַרבעטן האָט ער אויפגעוויקלט פאַר אַלעמענס אויג און געוויזן די אויצרעס, די אַלטע און נייע, פון פאָלקס פאַרגאַנגנהייט און קעגנוואַרט; געבלענדעט און געשעמערירט מיט די רייכטימער און אַנטיקן; פאַרשיקערט דאָס געמיט מיטן עכטן שטאַרקן וויין, וואָס ער האָט אַפּערגעבראַכט, מיט אַזויפיל שעפע, פון די אַלטע אידישע קעלערן, איינגעלאַדן יעדן צום טרינקען...

עס איז דער שטורעם־און־דראַנג־פעריאָד פון י. באָטאָשאַנסקיס ליטעראַרישן שאַפן און טאָן. ער גלאַנצט, אין יענע יאָרן, מיט אַלע שימערן פון זיין פיל־קאָמפּליצירטן טאַלאַנט. איטלעכער ליטעראַרישער פאַרמעסט זיינער ווערט אויפגענומען ווי אַ געשעעניש, אַ קאַרדינאַל פּראָבלעם, וועלכעס רעגט און באַומרואיקט. איך געדענק, פון יענער צייט, ווי ער האָט פאַרעפנטלעכט אין „די פּרעסע” אַ סעריע דערציילונגען אונטערן נאָמען: „פרידל שוסטער אַנטלויפט פאַר גאָט” און ער גיט דאָרטן איבער די גאַנצע טראַגיק און דעם עלנט פון אַ אידישן פאָטער, אַן אַרבעטער, וועמעס אַלע טעכטער לאָזן איבער, אַף דער עלטער, אַליין, און גייען אַוועק וואויגען מיט קריסטן. ער איז, עמעס, אַ פּראָגרעסיווער מאַן, דער אידישער אַרבעטער; ער איז אַן אויפריכטיקער אידעאַליסט אַ קעמפער פאַר פרייהייט און פאַרברידערונג צווישן די פעלקער אַף דער ערד. נאָר, אַז עס קומט אונטער דירעקט צו אים דער ניסאָיען, און אַלע זיינע קינדער גייען אַוועק

פון אידישקייט — נאָך איידער די פרייהייט און פעלקער־פאַרברידערונג איז ערגעץ־וואו געקומען, — אַזוי פילט ער, דער אַלטער אידישער אַר־בעטער, ווי אַ שטורעם האָט אָנגעיאָגט אַף זיין הויז און עס איינגעוואָל־גערט. אַז דאָס איז דער צאָרן פון אַלטן אידישן גאָט אַף אים אויסגעגאָסן געוואָרן דערפאַר, וואָס ער האָט אָפּגעלאָזן זיינע קינדער אַף העפקער; זיי נישט געזען קיינמאָל צובינדן צום אידישן פאָלק... און ער דערשרעקט זיך, פּלוצים, פאַר זיך אַליין; פאַר דעם עלנט, וואָס וואַקסט אַרום אים; און ער אַנטלויפט... נאָר, צי קאָן מען דען פון זיך אַליין אַנטלויפן?! גאָטס צאָרן פאַרפאָלגט אומעטום...

די דערציילונגען האָבן געמאַכט אַ גרויסן רוישעם אין אַלע קרייזן. דאָס אייביקע פיינפולע פּראָבלעם, וועגן דעם אוועקגייענדן יונגן אידיש־דאָר, ווערט דאָרט אוועקגעשטעלט אַזוי בלוט־נאַקעט, אַז עס מאַכט אויפ־שוידערן. דער פאַרשטאָרבענער כאַווער י. העלפמאַן ע"ה — אַ בייזער קרי־טיקער געווען — האָט דאַן געזאָגט, צווישן כאַווירים:

— שטילער, הערט זיך איין. איר פאַרנעמט דעם אָטעם פון קונסט...

אויב אין דער דערציילערישער פאָרם איז אים לייכט געווען, באָטאָ־שאַנסקין, אויפצורייסן די שווערע וואונד פון אידישן אישעוו און, אין דער זעלבער צייט, קיינעם דירעקט נישט באַרירן — איז אָבער גאַנץ אַנדערש געווען די לאַגע בענעגייע די אַנדערע זשאַנרן זיינע, דער ליטעראַטור־און־טעאַטער־קריטיק, דער פּובליציסטיק און דעם פעליעטאָן, וואו מען איז קימאַט געצוואונגען אָנצורופן מענטשן און זאַכן פאַרן נאָמען, וויסנדיק פונפאָרויס, אַז געצאָלט דערפאַר באַקומט מען נאָך — שטיינער... ווייל זי, די אָרגאַניזירטע מיטלמעסיקייט, איז אומדערבאַרעמדיק, ווען מען דערלויבט זיך די מינדסטע גרינגשעצונג צו אירע פאַרהייליקטע היגער־אוינגן... פּאַשעט. מען איז נישט זיכער מיטן לעבן...

און — ער איז געגאַנגען אין פייער אריין, י. באָטאָשאַנסקי; פאָרגע־זעצט דעם קאַמף, ווי געווען, מיט מוט און שטורעם.

ביז וואַנען, עס האָט זיך בא אים אַליין, מיט דער צייט, גענומען אַנטוויקלען אַ מערקווירדיקע אייגנשאַפט פון — א ר י ב ע ר ט ר אָ ג ן דעם מ ו ט י ק ן אָ נ ג ר י ף אַ ף ז י ך ג ו פ ע; עס הייסט, פון אַרויסשטעלן אָפּטמאָל זיך אַליין, ווי דעם שולדיקן, וועלכער האָט די ווערט קריטיקירט צו ווערן. ער האָט אָבער דעם מוט זיך מוידע צו זיין; אין דער עפנטלעכקייט וועגן זאַכן און געשעענישן, וועלכע ער לייגט אַרויף איינגאַנצן אַף זיך; אַזויאַרום, רופט ער אָן די זאַכן, צי די באַגאַנגענע פע־לערן באַם נאָמען; אַנטשולדיקט זיך בעקאָל ראָם און פאַרשפּרעכט, אַף ווײ־טער, דעם דערמאָנטן פעלער אויסצומיידן...

צום מיינסטן, האָט י. באָטאָשאַנסקי גענומען אַנווענדן דעם דער־מאָנטן מעטאָד אין דער פּעליעטאָניסטיק, וואו ער טרעט טאָמער אויף אין דער ערשטער פּערזאָן, רוקט ארוים זיך, אַלס דעם הויפּט־העלד און רעדט אויס אַף זיך, וואָס מע מעג און וואָס מע טאָר נישט... אָבער, מע דאַרף זיין אינגאַנצן בלינד און מיט אַ פאַרשטאָפּטן האַרץ און געפילן, אַז מע זאָל נישט דערזען באַלד, ווי אַזוי ער גייט דאָ אין די זעלבע וועגן פון רעב זישע מעאַניפּאָליע... וועגן יענעם רעבן דערציילט מען, אַז ער פלעגט אומ־פאָרן איבער די אוקראַינער דערפער, וואו אידישע אישעוונים ניקעס זענען גע־ווען צעוואָרפן, אָפּגעריסן פון אידישקייט; געקאָנט, כּאָלילע, יעדע רעגע, ניכשעל ווערן אין זינד. איז, וואו נאָר רעב זישע אַניפּאָליער איז אָנגע־קומען און באַמערקט, וויאַזוי אַ איד ווערט שוואַך און איז גרייט צו באַגיין אַן אַווירע, — האָט ער זיך אַוועקגעשליידערט אַף דער ערד; גענומען רייסן די האָר פון קאָפּ און שרייען:

— גוואַלד, זישע, וואָס גייסטו טאָן?! דו וועסט דאָך אין גענעם פאַר־פאַלן ווערן!...

און, עס איז געווען, אַז יענער איד האָט דאָס דערהערט — איז ער געקומען צו זיך; זיך־באַלד געכאַפּט, ווען מען דער רעבע, רעב זישע, מיינט דאָ: נישט מער — ער וועט דאָך נישט גיין מעווייעש זיין אַ אידן בעפּאַר־העסיע... הייסט עס, אַז מע דאַרף זיך שטאַרקן און אויסמיידן דאָס בייז...

*

*　　　*

ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, איז איינע פון די הויפּט־אייגנשאַפטן פון י. באָטאָשאַנסקיס כאַראַקטער — זיין גרויסע טאָלעראַנץ צו יעדן; און באַזונדערס, צו דעם, וואָס מיינט עס ערנסט מיטן העלפן בויען די וועלט־לעכע אידישע קולטור. ער פאַרשטייט, אַז טאָלעראַנץ איז דער העכסטער אויסדרוק פון קולטור; פון דעמאָקראַטישן באַנעמען דאָס לעבן; פון אָנער־קענען די ברייטע מעגלעכקייטן פאַר פאַרשיידנאַרטיקע מענטשלעכע אַנט־פּלעקונגען אין וואָרט און אין טאַט. אָט אין דער ברייטער טאָלעראַנץ ליגט די אָרוועם פאַרן פרייען שפּיל פון אונזערע געהיימע קויכעס; וועלכעס מאַכט קאָלאָריטפול דאָס לעבן און, אין אַלגעמיין, ניכע אונזער עקזיס־טענץ, אַלס מענטשן אַף דער וועלט.

אָבער, אַמבוילעטסטן קומט צום אויסדרוק זיין טיפע טאָלעראַנץ באַם באַהאַנדלען די אַלוועלטלעכע אידישע ליטעראַטור און, באַזונדערס, באַם העלפן וואַקסן דעם יונגן צווייג — די אידישע ליטעראַטור אין אַרגענטינע.

מע מוז, דערביי, גוט נעמען אין באַטראַכט, אַז י. באָטאָשאַנסקי אַליין איז אַ קינסטלער מיט פאַרנעם, וועלכער באַזיצט זיינע אויסגעשפּראָ־

כענע אייגנשאפטן און מעגלעכקייטן, וויאזוי צו פארקערפערן זיינע אי־דייען אין בלוט און פלייש. עס איז קלאר, אז אט די אייגנשאפטן זענען אים אייגן און ליב, זייענדיק טיילן פון זיין קינסטלערישן „איך". דאך, האט דאס קיינמאל נישט געקאנט ווערן בא אים קיין מאטיוו — אף נישט צו וועלן דערזעען די אייגנארטיקע שטריכן פון א גאנצער רייע יונגע אי־דישע שרייבער ארום אים, וועלכע זענען גאנץ אנדערש פון זיין אויפן בא־נעמען מענטשן און זאכן. ניין, ער האט קיינמאל נישט געשפארט די מי ארייננצודרינגען אין צווייטנס שעפערישער וועלט; מיט פארזיכט און ליבע, נאכגעזוכט דעם עכטן פונק, וועלכן ער האט זיך דערנאך אנגעשטרענגט צעבלאזן אין א פלאם... עס איז כאראקטעריסטיש, וויאזוי ער האט נאר קיינמאל נישט מוירע געהאט, אז דעם כאוועדם קינסטלערישע שיין זאל נאך, כאלילע, אים אליין פארטונקלען... און דא שטויסן מיר זיך ווידער אן אף זיין גרויסן מוט בענעגייע זיך גופע... (ניט פארבייטן אף — גרויסמוט...).

וויפל הארץ און טרייהייט י. באטאשאנסקי האט ארויסגעוויזן, באם העלפן בויען אונזער היגע אידישע ליטעראטור! ער איז געשטאנען מיטן קאנטשיק און געשטראפט און געלערנט; און, מיט דער זעלבער האנט, גע־גלעט און באמוטיקט. עס האט ארויסגעשטראמט זיין גרויסע ליבע צום שעפערישן אידישן ווארט, אזוי פון זיינע שטראף־רייד, ווי פון זיין בא־מוטיקונג. ער האט, מיטן גאנצן לייב־און־לעבן, געוואלט זעען בריים און טיף צעוואקסן אונזער אידישע ליטעראטור; זי איז געווארן זיין גרויסע־טרוים; און ער האט זי נישט געשפארט אינעם סדאם־בעטל פון ענג־הארציקע טעאריעס און צוגעשניטענע רעצעפטן. ער האט זי אפגעלאזן אף דער פריי, אז זי זאל וואקסן פארשיידן, אייגנארטיק און שיין; אין אלע לעוואושים זיך קליידן; פארבינדן פארגאנגענהייט מיט קעגנווארט; אלטע היימען מיט נייע; אטעמען אלוועלטלעך און שטארק; יונג און אייביק באנייט...

איך געדענק א פאל, ווען איך בין אמאל געווען דערוויטערט פון י. באטאשאנסקין, ווי עס מאכט זיך בא מענטשן. עס איז, צו יענער צייט, דערשינען מיין בוך „דאס שטעטל רעדט" און איך האב באשלאסן צו מאכן די פראבע, אים צוגעשיקט א בוך... אוודע, צו די צוויי וואכן, איז געווען פארעפנטלעכט זיין אפהאנדלונג אף דער ליטעראטור־זייט פון „די פרעסע"... וועט איר זאגן: „מה רעש"? מע האט אים צוגעשיקט א בוך, האט ער געשריבן!...

אבער דער, וואס וועט דאס זאגן, וועט, איידל גערעדט, זיין שטארק אומגערעכט. ווייל מען דארף נאר א קליין ביסל קענען די וועלט און די

מענטשן, אף צו דערפילן וואָס פאַראַ גוואַלדיקע גייסטיקע גוואורע מע דאַרף באַזיצן און ווי אַנדערש מע דאַרף עס זיין פון אַנדערע, אף נישט צו קענען פויעלן באַ זיך דאָס פאַרשווייגן אַ אידישן שרייבערס מי און שאַפונג; נאָר, פונקט פאַרקערט — זיך פאַרטיפן אין איר; אַרויסהויבן דעם שעפער פאַר דער ליכטיקער שיין, און זיך מיטפרייען מיטן באַוווּרס פרייד, ווי מיט אייגנס... מע ברויך דערצו באַזיצן בלויז דאָס איינע געפיל — זיין אייגן... זיין פרייד איז מיינע; און זיין ניצאָכן איז מיינער; ווייל, מיר ביידע זענען דאָך איינס; און מיר שטרעבן צו איינס — צו זען גרויס דעם ביניען פון אונזער אידישער קולטור...

איך פלעג אַמאָל אַ זאָג־טאָן צו באָטאָשאַנסקין אין שפּאַס:

— אַז איך זע דיך ווען אַרויסגיין שפּאַצירן, צי סטאַם זיך אָפּרוען, שניידט מיר מיין האַרץ; ווייל, אין דער צייט, וואָלסטו דאָך געקאָנט זיצן און שטודירן מיינע שריפטן, וואו עס איז דאָ אַזויפיל אומקלאָרע שטעלן אויפצוקלערן, וועלכע זענען, אפילו פאַרן מעכאַבער אַליין, נישט טאָמעד פאַרשטענדלעך...

און, מע מוז צוגעבן, אַז אַסאַך, זייער אַסאַך מי האָט ער, אונזער ליבער י. באָטאָשאַנסקי, געמוזט אַוועקלייגן, ביז וואַנען ער האָט באַוויזן אונז אויסצוקלאָרן אביסל, דערפירן צו דער מאַדריינגע, וואו מיר זענען; אונז מאַכן פאַרשטענדלעכער פאַר זיך און פאַרן אַרום... דערביי, איז אים אַליין אויסגעקומען ביטער צו קעמפן קעגן דער פוילקייט אין די אייגענע רייען; קעגן דעם ביטל און גלייכגילט פון אַרום.

בלויז מיט זיין פולבלוטיקער ליבע פון אַ בעסאַראַבער איז ער געווען אומשטאַנד גוויוּער צו זיין אָט די אַלע איבלען; האָרעווען פאַר זיך און פאַר יענעם; ביז וואַנען עס איז אים געלונגען צו דערזען אַרום זיך די פרוכט פון שווערער מי.

אַדאַנק אָט דער פולבלוטיקער ליבע זיינער צו די שעפערישע קויכעס פון אונזער פאָלק — אַ ליבע אַן ערדישע, אַ זאַפטיקע און קאָנקרעטע; אַזאַ, וואָס פליט נישט אין די הימלען, נאָר ציט שטענדיק צום מאַמאָשעסדיקן, צום קרעפטיקן און קערנדיקן יעש, — איז אים נישט מעגלעך געווען קיינמאָל זיך צו באַגנוגענען מיט אַבסטראַקטע פאָרשונגען און שילדערונגען פון דעם, צי יענעם אידישן קיבעץ אין דער וועלט. זיין אימפּעט האָט אים טאָמעד געצוואונגען אונטערצונעמען לאַנגע רייזעס איבער די גרעסערע און קלענערע אידישע אישואווים, אַזוי ווייטע, ווי נאָענטע; וואו ער האָט אַלץ געפאָרשט מיטן אייגענעם אויג גרינטלעך צו דערגיין אונזער אידישע פיל־געשטאַלטיקייט; אונזער פיל־שפּראַכיקן רוף צום קאַמף פאַר

גערעכטיקייט; אונזער פיל־גוירלדיקן קיעם, אלס אוניווערסאלער מעהום, אף דער וועלט...

אבער, אין זיינע רייזעס איבער די אידישע וועלט־קיבוצים איז ער קיינמאל נישט אומגעפארן, עפעס ווי א לייכטער פאסאזשירל, וואס לאזט אלץ הינטער זיך און קומט זיך נאזשיווען פונעם גרייטן. דא, איז ער אומעטום געקומען, א באלאדענער מיטן גאנצן ביסל האב־און־גוטס, וואס די יונגע ארגענטינער אידישער קולטור האט אים מיטגעגעבן; (אוואדע, נישט זיין שולד דערביי, וואס מ ע ר האט מען אים נישט געגעבן...) אבער דאס ביסל, וואס ער האט יא מיט זיך מיטגעבראכט — האט ער עס געקעבלט, ווי אן עווען־טאוו; עס ארויסגעשטעלט איבעראל אף דער ליכטיקער שיין און געקעמפט פאר אנערקענונג. לאמיר עס דערקלערן, אפן און פ־ייי: — י. באטאשאנסקי האט, אלס איינער פון די ערשטע, אונז ארויסגעפירט אין דער וועלט; געקעמפט פאר אונזער נאמען; נישט איין שטורמישע דיסקוסיע דורכגעפירט אין די אידישע וועלט־צענטערן פאר דער אנערקענונג פון אונזערע באשיידענע קולטור־ווערטן!

עס מוז דאך אמאל געזאגט ווערן; און, אין דער פולער מאס, אפגעשאצט ווערן!

*   *
*

י. באטאשאנסקי, אלס קעמפער פאר דער מאדערנער אידישער קולטור, באזיצט א מערקווירדיקן אפטימיזם; עכטע לעבנס־פרייד, וואס שלאגט ארויס פון טיפן אידישן קוואל, פון אונזער אייביק־פרישן אומשולדיקן גלויבן אינעם ענדגילטיקן ניצאכן פונעם גוטס איבערן בייז אין דער וועלט.

ער האט זיך געשטעלט א מערקווירדיקע און גארנישט קיין דאנקבארע אויפגאבע — באזונדערס, אין היינטיקע גרויל־צייטן — צו צעשלאגן אין אונז דעם פעסימיזם און אונז אנרעגן צום אומויפהערלעכן בויען אונזער ערלעך אידיש לעבן! און, ער קעמפט דערפאר, מיט אלע מיטלען, וואס זענען אים געגעבן געווארן.

וואס פארא עלעמענטן ווענדעט אן י. באטאשאנסקי, אין זיין קולטור־קאמף?

אין מיין גרויסער ארבעט „בא די ראנדן פון י. באטאשאנסקיס אידייען־וועלט" (פארעפנטלעכט אין „די פרעסע", מיט א יאר צען צוריק) האב איך געמאכט א פרואוו צו אנאליזירן זיינע צוויי ווערק „רעב בער ליעווער" און „הערשעלע אסטראפאליער". אין דער צייט, וואס אינעם ערשטן קומט שטארק צום אויסדרוק דער דראמאטישער עלעמענט, — ברענגט

ער אַרויס, אינעם צווייטן ווערק, דעם גוטן לירישן הומאָר, וואָס פאַרצווייפלט נישט; און די שאַרפע סאַטירע אַפן אימפּאָטענטן רישעס, וועלכעס פרעסט, צולעצט, אויף זיך אַליין.

אָט די עלעמענטן — דער דראַמאַטישער, דער ליריש־הומאָרפולער און דער בייסיק־סאַטירישער — באַגלייטן אים אומעטום, י. באָטאָשאַנסקין; זענען זיינע גוטע מלאָכים, וואָס לאָזן אים נישט קיינמאָל אַליין, אײַבער זיין קינסטלערישן לעבנס־וועג.

זינט דעמאָלט, זענען שוין אַריבער יאָרן. ער אַליין, און זיינע באַגלייטער, זענען געוואָקסן; געוואָרן רייפער; ערנסטער. איז, אויך זיין לעבנס־בונד מיט זיי געוואָרן ענגער, געשלאָסענער. זיי לערנען אים, זינט מאָמעד:

— לעבן, דאָס איז שוישפּיל. אינדיווידועלער, און פעלקער־צוזאַמענשפּיל. פאַר אונז, דאָס אידישע פאָלק, איז צוגעטיילט געוואָרן די טיטל־ראָל. מיר שפּילן אייביק דעם גערעכטן. אַזוי איז שוין אונזער גורל. אָבער, מיר זענען שטאָלץ אַף דעם. מיר שפּילן, מיט ברען און גלויבן. דערפאַר, איז אַזוי דראַמאַטיש־טיף אונזער אייביקער רוף צום גערעכטן. אַזוי גוט און קלוג אונזער הומאָר, וועלכער לאָזט נישט פאַרצווייפלען. אַזוי בייסיק־שאַרף אונזער שניידיקע סאַטירע. זי וועט, ענדלעך, דערשלאָגן די רישעס צום טויט:..

— ווייס; די וועלט — דאָס איז שוישפּיל. מיר, וועלכע טראָגן די קרוין־ראָל, זענען געווען די ע ר ש ט ע צו באַטרעטן די סצענע. אָ, גלויב, אַז מיר וועלן, עפּשער, זיין ד י ל ע צ ט ע , אין דער גורל־שאַ פון פאַרשווינדן...

* *
*

איינמאָל, מאַכט צו מיר כאַווער באָטאָשאַנסקי:

— פאַרוואָס שעצט מען אונז אַזוי ווייניק אין לעבן? מיסטאָמע, ווייל, ווען מיר שאַפן, זענען מיר באַזונדערס גרויס...

היינט, אינעם טאָג פון זיין יוביל, וועל איך אים ענטפערן:

— אַף וואָס־זשע האָסטו זיך צו באַקלאָגן, כאַווער? דו שאַפסט דאָך אַזוי פיל... און מ ע ר נאָך וואָלסטו געקאָנט שאַפן. ווייל, דאָס ווינטשן מיר דאָך אַלע, וואָס האָבן דיך אַזוי ליב...

נאָך פופצן יאָר בענקען אַהיים...[1]

(אַ סאַכאַקל צו אַ ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכער פּאָלעמיק)

ורוח החיה באופנים — דער געטלע־
כער גייסט לעבט אין דעם אופן, אין דער
פאָרם. (פאָלקס־וואָרט.)

עס איז געווען סאָף 1927, ווען איך בין געקומען פון אַ קליין וואָלי־
נער שטעטל, שמידאָוויץ, קיין אַרגענטינע און, אין געציילטע טעג אַרום,
זיך באַקאַנט מיטן שעף רעדאַקטאָר פון „די פּרעסע", כ' פּיניע קאַץ. מיין
מיטגעבראַכטער ליטעראַרישער באַגאַזש דאַן פון דער היים איז געווען אַ
גאַנץ קנאַפּער: אַ קליין ביכל דערציילונגען און נאָך אַ קלענער ביכעלע
לידער. ביידע ביכלעך האָבן אין פּוילן נישט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט
פון די געשוואוירענע אָפיציעלע ליטעראַרישע קרייזן; און עס האָט גע־
קאָנט הייסן דעריבער, אַז איך, דער 30־יאָריקער יונגערמאַן, צו יענער
צייט, בין אַריבערגעקומען אַהער מיט גאָרנישט.

כ' פּיניע קאַץ האָט זיך געפונען דאַן אין פּוילן בלי פון זיין געזעל־
שאַפטלעך־קולטורעלער און ליטעראַרישער טעטיקייט. אַ מאַן אין די פּער־
ציקער, האָט ער אויסגעקוקט אָפן בליק מיט אַזעלכע צוויי צענדליק יאָר
איינגער. אַליין אַ בלאָנדער, אַ העל־שמייכלענדיקער, האָט ער געאָטעמט
אויף אייך מיט לעבנס־מוט, מיט דינאַמישער ענערגיע, מיט יוגנטלעכן אָפּ־
טימיזם. עס איז געווען קענטיק, קוקנדיק אויף דעם י ו נ ג נ מ אַ ן , אַז
ער דולדעט נישט קיין מאַרעשכווירע; אַז ער זוכט אַלץ צו דערגרינטעווען

---

1) געשריבן, 1־טן ענערו, 1943.

מיטן לויטערן פארשטאנד, ארויסברענגען שווערע פארפלאָנטערטע איניאָ־
נים אף דער ליכטיקער שיין, זיי אויפקלערן, באַלויכטן, און בעמיילע זיי
מאַכן אייגן, לעבעדיק און יונג, אַזוי ווי ער אַליין איז געווען... אַז מ׳האָט
אַ לייען־געטאָן צו יענער צייט זיינע קאָמענטאַרן אין „די פרעסע" וועגן
אַלערליי פּאָליטיש־עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען, אַזוי אינטער־
נאַציאָנאַלע ווי נאַציאָנאַלע, האָט איבערגעראַשט זיין דרייסטקייט און
פאַרמעסט אַלעם ארומצוכאַפּן מיט זיין שאַרף־בליציקן מאַרך און אַלעם
אַנצואייגענען מיט זיין יונג פלאַמיק האַרץ; עס האָט איבערגעראַשט זיין
יוגנטלעכער שוואונג צו זיין אומעטום אייגן, ווי באַ זיך אין דער היים;
צו זיין פאַרוואָרצלט איבעראַל, אין דער גאַנצער וועלט, וועלכע איז איי־
נע, אַן אומצעטיילבאַרע, מיט איר גאַנץ־גאַנצן איבערגעפלאָכטענעם
וואַלד פון אומצייליקע פּראָבלעמען פון קאַמף און געראַנגל, וועלכע דער־
גאַנצן זיך איינס דאָס אַנדערע, וועלכע וואַקסן אַרויס איינס פון דאָס אַנ־
דערע, און וועלכע קוקן טאָמיד אויס אף דעם ליכטיקן פאַרשטאַנד, ער זאָל
זיי אויפקלערן, ער זאָל זיי לייזן... עס זענען געווען דאַן די ערשטע יאָרי
פון דער גרויסער אָקטאָבער־איבערקערעניש, יאָרן פון דרייסטע שאַרף־
ראַדיקאַלע פאַרמעסטן צו לייזן גרינטלעך־רעוואָלוציאָנער די סאָציאַל־פּאָ־
ליטישע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אין אַ זעקסטל טייל פון דער וועלט;
עס זענען געווען די ערשטע יאָרן פון אַלוועלטלעכן אויסקוק אָפּן אויסגאַנג
פון אָט דעם טיטאַנישן פאַרמעסט; און כאָווער פיניע קאַץ, אַלס איינער פון
די פלאַמיקע אַדעפּטן פון יענער נייער וועלט, האָט זיך איינגעוואָרפּן אין
זיין קאַמף פאַר איר, מיט אַלע פיבערן פון זיין אומרואיקן גייסט, זוכנ־
דיק אין איר, אין יענער נייער וועלט־פאָרם, צו דערזעען די איינציקע
גרינטלעכע און אויטענטישע לייזונג פאַר אַלע אוניווערסאַלע סאָציאַל־
פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט און בעמיילע
אויך — פון די אידישע פאָלקס־מאַסן איבער דער גאָרער וועלט...

עס זענען געווען דאַן יאָרן פון גלויבן און פון גרויסע דערוואַרטונ־
גען. עס איז געקומען די צייט, ווען טויזנט־יאָריקע באַלוימעס וועגן גע־
רעכטיקייט זענען געוואָרן וואָר; ווען דאָס אוממעגלעכע אין פלוג איז גע־
וואָרן אַ רעאַליטעט; און דאָס האַרץ האָט אונטערגעזאָגט, אַז וויבאַלד אַז
דאָרטן, אינעם ראַטנלאַנד, איז דאָס געוואָרן מעגלעך, טאָ פאַרוואָס נישט
דערוואַרטן דיזעלבע פאַרווירקלעכונג אומעטום, איבעראַל?... דער דריים־
טער בליק האָט געקוקט אין פאָרויס, פול האָפענונג און עקסטאַז...

עס איז געווען אַרום יענער צייט, אַן ערעך, ווען כאָווער פיניע קאַץ
איז אַוועק פון דער לינקער פּועלי־ציון־באַוועגונג, מיט איר שטרעבונג
אויפצוריכטן אַ אידישן אַרבעטער־צענטער אין פּאַלעסטינע — ווייל אים

איז דאָס פאַרגעקומען ווי אַ באַוועגונג זיך־אומצוקערן צוריק אַהיים; אין אַלגעמיין, ווי אַ מין גיין צוריק, אין דער צייט, ווען די גאַנצע וועלט, און אויך די אידישע מאַסן אין כּלל, רייסן זיך צו גיין פאָרויס... עס איז אים פאַרגעקומען, אַט דער „שיבת־ציון"־אידעאַל, ווי אַ מין האַלבע לייזונג פון דער אידן־פראַגע, אַ מין פשאָרע מיט דער אַלטער וועלט, מיט וועלכער ער האָט קיין שום מאַגע־מאַסע נישט געוואָלט האָבן, נישט געוואָלט זיך אַריינלאָזן מיט איר אין קיינע פאַרהאַנדלונגען, נישט דערוואַרט פון איר מער גאָרנישט, נישט געגלויבט אין איר וואָרט, אין איר עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, אין איר עקזיסטענץ־מעגלעכקייט אַפילו... צו־וואָס מאַכן פשאָרעם אַף דער העלפט, ווען אונזערע איז די גאַנצע וועלט — ווען די וועלט גייט ווערן אונזער אַלעמענס היים? צו־וואָס זיך לאָזן שווימען אינעם קליינעם ענגן טייכל, ווען מען קאָן דאָס זעלבע טאָן אינעם ברייטן אומענדלעכן יאַם?

ער, כאָווער פיניע קאַץ, האָט נישט געגלויבט אין דער לייזונג פון אונזערע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פראָבלעמען אינערהאַלב דער אַלטער וועלט, און ער האָט אַרויסגעשטעלט, אַלס מוסטער, די פולע לייזונג פון די אידישע פראָבלעמען אינעם לאַנד פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, די אַבסאָלוטע אָנערקענונג פון אונזערע נאַציאָנאַלע רעכט, די אידישע געריכטן, די אידישע שולן, דער מעכטיקער אויפבלי פון דער אידישער קולטור און ליטעראַטור, די היסטאָרישע איבערשיכטונג פון די אידישע מאַסן, זייער גיגאַנטישע פראָדוקטיוויזאַציע און אינדוסטריאַליזאַציע, זייער באַזעצונג אַף ערד און די ספעציעלע אויסבילדונג פון אידישע אַגראַר־צענטערן, מיט איין וואָרט — די פולע גלייכבאַרעכטיקטע איינגלידערונג פונעם אידישן פאָלק אין דער אַלגעמיינער מעכטיקער פעלקער־געמיינשאַפט פונעם פרייען ראַטנפאַרבאַנד. אַט די שאַרף־ראַדיקאַלע לייזונג פונעם אידישן פראָבלעם האָט ער אַרויסגערוקט, אַלס מוסטער, פאַר אומעטום.

ער איז שוין דאַן געווען אַ טוישעוו אין אַרגענטינע, וואוהין ער האָט געהאַט איינגעוואַנדערט אַרום 1906. ער האָט גוט דערלערנט און געוואָרן באַהאַוונט אין דער אָרטיקער קולטור, אין דער ליטעראַטור, אין דער עקאָנאָמיק, אין דער לאַנד־פּאָליטיק. ער האָט זיך איינגעבירגערט און געבליבן טיף פאַרוואָרצלט אינעם לעבן פונעם לאַנד. עס איז אים אַלעם אָנגעגאַנגען, אַלס פרייען בירגער פון אַ פריי לאַנד, מיט אַלע רעכטן און פליכטן. ער האָט פאַרשטאַנען און געפילט, אַז די לאַנד־קולטור מיט אַלע אירע אויצרעם דאַרף אונז זיין אַזוי אייגן און נאָענט, ווי אונזער אייגענע קולטור. אַז מיר דאַרפן זיך נעמען באַטראַכטן, און מיט רעכט, אַלס אַ ווירדיקע טייל פון דער יונגער אַרגענטינער נאַציע, וועלכע האַלט ערשט אין ווערן.

אַז מיר דאַרפֿן איר געבן אַלעס, וואָס מיר פֿאַרמאָגן; און מיר דאַרפֿן צוגלייך באַ איר נעמען אַלעס, אין וואָס עס נויטיקט זיך אונזער פֿאָלקס־אָרגאַניזם, קעדיי אַליין געקרעפֿטיקט צו ווערן און שטענדיק באַנייט ווערן. אָט דעם דרייסטן אויסרוף פֿאַר אונזערע רעכט האָט ער, כ׳ פּ. קאַץ, גענומען לאָזן הערן אַליץ אָפֿטער אין וואָרט און אין שריפֿט. אַלס פּיאָנער פֿון יונגן אידישן קיבעץ אין אַרגענטינע און, ווי איך וואָלט אים אָנגערופֿן, אַלס פּראָפֿעסאָר פֿון דער ראַדיקאַלער אידישער באַוועגונג דאָ אין לאַנד, האָט ער געפֿילט אין זיך די פֿליכט צו שטיין קעסיידער אַף דער וואַך און צו טאָן דאָס, צו־וואָס ער האָט גערופֿן אַנדערע.

ער האָט טאָמיד געלערנט נישט צו פֿאַרצווייפֿלען און נישט זיך צו שרעקן, נאָר צו פֿאַרשטיין, וואָס מיינט — באַהערשן. זיך אָריענטירן און וויסן, וואו מען איז אין דער וועלט. אַריינוואַקסן אינעם לאַנד און אין איר קולטור, ווערן אייגן און היימיש, ווערן וועלטלעך און פֿריי, און זיך נישט שרעקן פֿאַר אַסימילאַציע; נאָר נישט קלאָגן און נאָר נישט מוירע האָבן פֿאַר אונטערגאַנג. עס איז אַ היסטאָרישער פּראָצעס אַזאַ, אָט די וואַנדערונג, נישט פֿון נעכטן. אידן האָבן געגעבן דער וועלט, אידן האָבן גענומען באַ דער וועלט — און טאָמיד לעבן־געבליבן. עס דערשרעקן זיך נאָר יענע, וואָס נעמען זאַכן און דערשיינונגען איזאָלירט; אָבער נישט יענע, וואָס האָבן אַ היסטאָרישן אויסבליק אַף דער וועלט ביקלאַל און אַף אונזער לעבן ביפֿראַט.

ער האָט, צו יענער צייט, פֿאַרעפֿנטלעכט זיין ווערק „צו דער געשיכטע פֿון דער אידישער זשורנאַליסטיק אין אַרגענטינע”, אין וועלכן ער האָט זייער־פּאָרזיכטיק און זאָרגפֿעלטיק און אויס זיין שטאַנדפּונקט גענומען, טריי זיין אידייע, אָפּגעקליבן דאָס קערנדיקע פֿונעם אומפֿאַרמיידלעכן פּסוילעס, ווי באַ יעדן אָנהויב — און דורכדעם געלייגט די באַזע פֿאַר דעם קולטור־ברייִשים פֿונעם אידיש־ראַדיקאַלן לעבן אין אַרגענטינע. ער איז דאַן צוגעטראָטן איבערצודיכטן די בעסטע מייסטערווערק פֿון דער אַרגענטינער קלאַסישער פּראָזע — אין אידיש, און די ווערק פֿאַרעפֿנטלעכט אין פֿאָרזעצונגען אין „די פּרעסע”, קעדיי צו העלפֿן די אידישע מאַסן אין אַרגענטינע ברייטער אויסצובליקן אַף דער שיינער אַרומיקער וועלט, זי אָנייגענען און ווערן מיט איר היימיש. איך שטרייך אונטער דער אויסדרוק א י ב ע ר צ ו ד י כ ט ן , ווענדיק דערמיט זאָגן, אַז כ׳ פּ. קאַצס אַן איבערזעצונג דאַרף נישט פֿאַרשטאַנען ווערן אינעם געוויינלעכן זין פֿון וואָרט. זיין יעדע אַרבעט אין דער הינזיכט איז טאָמיד געווען אַן אויטענטישע איבערפֿלאַנצונג פֿון איין פֿרעכטיקן גאָרטן — אינעם צווייטן. דערביי האָט ער געזאָרגט און, אַדאַנק זיין געבענטשטן

טאַלאַנט, איז עס אים געלונגען, מיטצונעמען דעם גאַנצן קלימאַט און אַראָמאַט פון איין גאָרטן און דאָס אַלעס באַהעפטן מיטן פרישן קלימאַט און אַראָמאַט פונעם נייעם גאָרטן, וואוהין ער האָט דאָס ווערק איבערגעפלאַנצט און וואו די פלאַנץ האָט זיך עפשער נאָך בעסער אָנגענומען, נאָך פרעכטיקער צעבליט... אָט אַפּאָנעם, קעדיי דאָס צו דערגרייכן, האָט ער זיך געמוזט באַהעפטן אינגאַנצן און זיך־צוזאַמענגיסן מיטן לעבן פונעם ווערק און פונעם דיכטער, צו וועמענס וועלט ער האָט זיך דערוועגט צוצורירן... און דאָך — און עפשער דעריבער — זענען ביידע וועלטן, דעם דיכטערס און אונזער אייגענע, אָפּגעקומען פון דער גליקלעכער באַהעפטונג — פולער, רייפער און ליכטיקער. עס איז געבליבן לעבן און בליען דער גאַנצער אידיאָם פון יענעם דיכטערס איבערגעפלאַנצטער וועלט; און עס האָט זיך ערשט געקליבן אויפצוגיין, אין ראַשיקער פראַכט, אונזער אייגענער אידישער אידיאָם... אָט אַפּאָנעם, די פּאָרונג האָט רעכט אָנגענומען... וויאַזוי־זשע זאָל מען עס פאַרשטיין אַנדערש, אויב נישט אַלס נאָך אַ באַווייז, אַז — פון עכטער צוזאַמענבאַהעפטונג פון קולטור־אויצרעס ליידן מיר נישט, און נישט עס ליידט דער צווייטער צאַד — נייערט עס געווינען גאָר ביידע?! ווייל אַזוי איז דאָס געזעץ פון פרייען צוזאַמענלעבן צווישן קולטורן, און באַ אונז איז נישט מעכויעוו אַנדערש צו זיין...

אָט די פאָרשטעלונג זיינע, די וויזיע וועגן אַ ראַדיקאַל געזונט אידיש לעבן אַפן אָרט, איינגעגלידערט אין דער אַלגעמיינער אַרגענטינער פאָלק־געמיינשאַפט, — האָט, מיט דער צייט, גענומען קריגן בלוט־און־פלייש, אַזוי אין דער הויפּטשטאָט, ווי איבער אַלע אַנדערע צעוואָרפענע אידישע געמיינדעס איבערן לאַנד. אין לויף פון יאָרן, ווערן פאַרלייגט אומעטום גרעסערע און קלענערע אידישע פאָלקס־ביבליאָטעקן, שולן, קולטור־צענטערן, קלובן, וואו מען נעמט קולטיווירן דעם ראַדיקאַלן אידישן געדאַנק, דאָס אידישע פאָלקס־ליד, דעם אידישן ספּעקטאַקל, דאָס אידישע לעבן; מען וואַקסט זיך צוזאַמען; מען נעמט ווערן באָדן, מ'הויבט אָן אויפנעמען זריע; מען דאַרף שוין דערוואַרטן פרוכט... אָבער די גרעסטע האָפענונג פאַר אונזער גאַנצקייט און שוץ קעגן צוג־ווינטן האָבן דאָך געדאַרפט זיין די אידישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע. דאָרט זענען קאָמפּאַקטע אידישע מאַסן געוואָרן אַריינגעוואָקסן אין דער ערד, צוזאַמענבאַהעפט מיטן באָדן, גענומען פירן אַ געזונט אידיש לעבן, אויפגעשטעלט וועגנט אַרום זיך — נישט ווי אין דער צעווינטיקטער העפקערדיקער שטאָט — גענומען אָנלעבן אידישן שטייגער. דאָרט אייגנטלעך, אַפן אַזוי־גערופענעם פרייען שויס פון דער מאַמע־נאַטור, האָט גענומען וואַקסן אַ נייע

אידיש־דאָרפישע יוגנט, וועלכע האָט שוין געהאַט אירע אייגענע פּראָבלע מען, זוכענישן און נאָכפאָרשונגען. זי, די יוגנט, האָט געמוזט האָבן איר וועג ווייזער, איר לערער, וועלכער זאָל איר העלפן, איר אָריענטירן, ריכטן איר בליק, איר האַנדלונג; איר לערנען, ווער עס זענען אירע פריינט, און ווער עס זענען אירע פיינט. איר אָפּטמאָל אָנווייזן קאָנקרעט, וואוהין זי האָט צו גיין, און וואָס עס שטייט איר פאָר צו טאָן. איר אויפקלערן איר אייגענע קראַפט, איר גרויסן באַטייט און איר באַרוף, עס מיינט, די ראָל, וואָס עס שטייט איר פאָר צו שפּילן, אַלס די געזינטסטע וועזנט־לעכסטע טייל, אַלס די איקער באַזע פונעם אידישן אישעוו; וואָס דאַרף פּרעזענטירן דעם שענסטן בייטראַג צו דער אַלגעמיינער פאָלקס־געמיינ־שאַפט אין אַרגענטינע. און ער, דער אייביק־יונגער כ׳ פ. קאַץ, האָט זיין פליכט לעגאַבע דער אידישער קאָלאָניע און איר אויפוואַקסנדער יוגנט דערפילט נאָכאַנאַנד. ער האָט געקעמפט אַף די קאָלאָניסטישע קאָנגרעסן פאַר באַלדיקע דערגרייכונגען און אויסבעסערונגען אינעם לעבן פונעם אי־דישן קאָלאָניסט. ער האָט, אין אומצייליקע באַלערנדיקע אַרטיקלען אין קאָמענטאַרן, זיך באַמיט אויסצוברייטערן אין אַלגעמיין דעם אויסבליק פונעם אידישן קאָלאָניסט אַף דער וועלט און אַף אירע געראַנגלענישן, אַף אירע האָפנונגען און דערוואַרטונגען. ער האָט געוויזן דעם אידישן ערד־אַרבעטער, אַז ער איז נישט אַליין אין זיין קאַמף פאַר גערעכטיקייט; אַז זיין קאַמף איז אַן אַלגעמיינער, אַן אַלוועלטלעכער, אַזוי אין שטאָט ווי אין דאָרף; און אַז די וועלט גייט פאָרט אין פאָרויס, זי רירט זיך; און זי נויטיקט זיך אין אים, אין זיין האָפנונג און אין זיין גלויבן, פונקט ווי ער נויטיקט זיך אין איר... עס איז איין וועלט, איין קאַמף; און קיינער אין ערגעץ טאָר זיך נישט שפירן עלנט און אַליין. עס דאַרף זיין אַלעמענס געמיינזאַמער דראַנג — אין פאָרויס, צו אַלעמענס באַפרייונג...

און דאָ קערן מיר זיך ווידעראַמאָל אום צו דער פילפאַכיקער אַנט־פלעקונג פון כ׳ פ. קאַצס אידיש לאָשן. ווען ער צעוואַרימט זיך אין זיין וויזיאָנערישער קראַפט און ער נעמט צינדן האָפענונגען און גלויבן אין די הערצער פון זיינע צוהערער, אַזוי באַקומט זיין אידיש אַ מין נעוויאישן פּאַטאָס; עס טרייסט די ערלעכע, די גערעכטע; נאָר באַלד צעצערנט ער זיך אַף די פאַרפירער פון דער וועלט און פון דער מענטשהייט, און זיין אידיש לאָשן באַקומט פּלוצים דעם בלאַנקנדן שאַרף פון אַ „מוכיח־בשערים", עס ווערט אימפּעטיק־דינאַמיש און עס נעמט פּלייצן, ווי אַ מעכטיקער ניאַגאַראַ־פאַל אַף די קעפּ פון די רעשאָים. אַלסביישפּיל, וועל איך דערמאָנען בלויז זיינס אַן אַרטיקל, באַטיטלט „די הייליקע זשאַלאָנ־דאַ". עס איז געווען דער פאַל מיט אַן אָרעם קינד פון פאָלק, וועלכעס האָט

גערינט אין אַ רייך אַרגענטיניש הויז און מען האָט עס דאָרט פאַרפייניקט צום טויט... דאָס אומגליקלעכע פאָלקס־קינד ווערט דערהויבן צום פּיע־דעסטאַל פון אַ הייליקער — נישט אין די מיט וויירוך־פאַרקאָפּטיעטע טעמפּלען, וואו מען פאַרטשאַדעט דעם מענטשנס געדאַנק מיט פאַרנעפּלטע מיסטעריעס, נאָר אינעם לויטערן טעמפּל פון ערלעכן האַרץ באַם פּאַשעטן פאָלקס־מענטש, וועלכער געדענקט און פאַרצייכנט אַלע אַוולעס, וואָס מען באַגייט קעגן אים און זיינע קינדער, — דאָרט וועט זי פאַרהייליקט בלייבן, די קליינע אומגעבראַכטע זשאַלאַנדאַ, דאָס פאַרפייניקטע פאָלקס־קינד; דאָרט, אינעם ערלעכן פאָלקס־האַרץ וועט זי אייביק בלייבן מאָנען גערעכטיקייט און נעקאָמע — פאַר די אומגעבראַכטע פאַרשניטענע לעבענס פון אונזערע קינדער...

אַ גאַנץ אַנדער געשטאַלטונג באַקומט זיין אידיש לאָשן, ווען ער גייט זיך באַהעפטן מיטן גייסט פון עמיצנס אַ מייסטערווערק, קעדיי עס איי־בערצודיכטן אין אונזער שפּראַך. דאָ ווערט זיין לאָשן לויטער און קלאָר, דורכגעלויכטן און דורכזיכטיק, ווי קרישטאָל, אָדער ווי שטילע טיפע קוואַלן, וועלכע שפּיגלען אָפּ אין זיך אַלץ, און אין דער זעלבער צייט, הערן זיי נישט אויף, אַף אַ רעגע, צו זיין דאָס, וואָס זיי זענען... אַלס זיין שעדעוור פון איבערגעדיכטעטע ווערק, דאַרף באַטראַכט ווערן מ. שאָלאָ־כאָווס ראָמאַן „דער שטילער דאָן”, געוועזן פאַרעפנטלעכט אין העמשאָכים אין „די פּרעסע”. אין זיין פליים און אין זיין ציטער איבער יעדעס וואָרט, זעט מען אַרויס זיין גוואַלדיקע פּיעטעט און זיין אומבאַגרעניצטע ליבע צו לויטערקייט און קלאָרקייט, אַט דאָס, פאַר וועלכן ער קעמפט אַלע יאָרן אַזוי אייפערדיק, קעדיי עס פאַרפלאַנצן אומעטום; די קלאָרקייט פון פאַרשטאַנד און פון געפיל אין אַלע ריכטונגען, וואוהין אונזער לעבן טוט זיך נאָר קערן און ווענדן; און ווען ער האָט, ענדלעך, אַנגעטראָפן אַזאַ ריזיק ווערק, וואו די לויטערקייט און די קלאָרקייט איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן מיט מייסטערהאַפטער שליימעס, זעט מען באַשיינפּערלעך, ווי אַזוי ער האָט אויפגעלעבט לעבן דעם און זיך געלאָזן דערהויבן, צוזאַמען מיטן ווערק... אָט איז איין סצענע, וואו עס האָט זיך געמערקט כ׳ קאַצם אומגעוויינלעכע מי זי אַרויסצוברענגען פּכאָדעמדיק קלאָר. עס איז וואָ־לעטס טויט, איינער פון די קעמפער פאַרן פרייען דאָן. ער ווערט באַגראָבן אין אָפענעם ווילדן געדיכט־באַוואָקסענעם סטעפּ. איבער זיין קייווער האָט עמיצער געזאָרגט און אויפגעשטעלט אַ טויבנשלאַק. אין דער טיפער קאָסמישער שטילקייט פונעם אָפענעם צעווינטיקטן פעלד פלאַטערן אום טויבן־פליגל; זיי פליען אַוועק אין די הויכע בלאָע הימלען, זיי קערן צו־ריק, זיי וואָרקן, זיי ליבן זיך, זיי לעבן... איבער וואָלעטס לעצטער היים... זיי זינגען צו אים קעסיידער אַ ליד פון אייביקן לעבן...

מען דאַרף לייענען יענץ בילד אין כ' קאַצם איבערדיכטונג, קעדיי אַליין מיטגעריסן צו ווערן מיט יענער הייליק־מענטשלעכער שירע, מיטן געזאַנג צו אונזער אייביק צוזאַמענבאַהעפטן לעבן אינעם קאָסמאָס...

נאָר, אַט האָט ער זיך אַריבערגעוואָרפן צו אַן אַנדער געביט, צו דער קריטיק איבער טעאַטער און ליטעראַטור, לעמאַשל, — און שוין האָט זיין שפּראַך באַקומען דעם טאָן פון פּרעציזער, קימאַט שטרענג־וויסנ־שאַפטלעכער באַצייכענונג פון באַגריפן און סיטואַציעס, אָבער — האַבנ־דיק פאַר זיך קעסיידער דעם אָנגעצייכנטן ציל: אַריינצוברענגען אומעטום קלאָרקייט, לויטערקייט און פאַרשטאַנד. ווייל פאַרשטיין, האָט ער געטיי־נעט, מיינט פאַרוואָרצלט ווערן און, בעמיילע, באַהערשן*).

אַזוי איז זיין אידיש לאָשן געוואָקסן אין דער טיף און אין דער ברייט, געשאַפן אַלץ נייע באַגריפן, קעדיי צו זיין אומשטאַנד אַלעם אַרומ־נעמען און באַלויכטן, מיט אַלעם זיך באַהעפטן און צוזאַמענוואַקסן, ווערן מיט דעם היימיש און אייגן; קעדיי צו קענען אַרומנעמען די גאַנצע וועלט, אונזער היים...

ער האָט, צו יענער צייט, שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט זיין גרויסן קריטישן עסיי „וועגן דער צענטראַלער אידייע אין דער אַלוועלטלעכער אי־דישער ליטעראַטור", וואו, זיך סוימעך־זייענדיק שטאַרק אַף מענדעלען, האָט ער געפּרואווט באַווייזן, אַז דער יעסאָד פאַר אונזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ איבער דער וועלט ליגט אין אונזער אומדערמידלעכן קאַמף פאַר גערעכטיקייט...

— מענדעלע! — אַט וועמען ער האָט אַרויסגערוקט, אַלס מוסטער פאַר שרייבן, פאַר דענקען, פאַר העלפן פורעמען אונזער צערודערט לעבן אַף דער וועלט.

ער, כ' קאַץ, איז אוואַדע געווען באַרעכטיקט צו דערוואַרטן, אַז די יונגע אידישע ליטעראַטור אין אַרגענטינע זאָל אָפּשפּיגלען זיינע האָפע־נונגען און שטרעבונגען; זאָל גיין אין זיינע דראָכים, וועלכע ער האָט אָנ־געצייכנט; זאָל אים העלפן אין זיין קאַמף פאַר דער פורעמונג פון אַ ראַ־דיקאַל אידיש לעבן אין אַרגענטינע. ער האָט זיך געפונען דאָן אינעם דראַנג־און־שטורעם פּעריאָד פון זיין לעבן. ער האָט געקעמפט, געגלויבט

*) אַט איז אונטערגעקומען אַ צווייטער פאַל, דער ראַשע־אוניווער־כאַר. וואָס מען האָט באַ אונז אַלץ נישט צעשריבן וועגן דעם! איין כ' קאַץ האָט נישט פאַרלוירן דעם קאָפּ און אָנגעשריבן זיין קורצן, אָבער פּרעכ־טיקן עסיי: „ראַשע, דער פּאַשטן" און ער האָט אוועקגעשטעלט אונזער רעבן אַף זיין ריכטיקן אָרט...

און געהאַפּט און ער האָט מיטגעריסן מיט זיין גלויבן יונג און אַלט.

צו יענער צייט, אין סאָף 1927, בין איך אָנגעקומען קיין אַרגענטינע און זיך מיט אים באַקאַנט.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט צום אָנהויב, זענען מיינע צוויי ביכלעך, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט — מיין גאַנצער ליטעראַרישער באַגאַזש פון דענצמאָלט — אים לאַכלוטן נישט געפעלן. ער האָט מיר געזאָגט, אין שפּאַס, אַז מ'דאַרף זיי מאַכן אַ פייערלעכע אויפנאַמע, אָדער איינפּאַכער געזאָגט — זיי וואַרפן אַפן פייער... איך האָב אָפּגעשלונגען די גליענדיקע קוילן און געבוטען רעדן וועגן לעהאַבע... און דאָ האָט זיך עס אָנגעהויבן... כ' קאַץ האָט גענומען פאָדערן פון מיר, באַלד פונעם אָנהויב, לאָקאַלן שטייגער. איך בין אַ נייער, האָט ער געטיינעט; מיין אויג איז פריש אויפצוכאַפּן אייגנאַרטיקע שטריכן, קאָלירן; דאַרף איך עס טאָן, און ער וועט עס זייער־גערן אויפנעמען.

— וואָס איז געווען מיט מיר? —

ערשט שפּעטער מיט יאָרן, האָב איך גענומען בעהאַדראַגעדיק אויפנעמען דאָס גייסטיקע בילד און דעם אידייען־גאַנג פון כ' קאַץ. אָבער דאַן, צום אָנהויב, האָב איך אים ניט פאַרשטאַנען. איך בין געווען אַ געוועזענער ליבאַוויטשער יעשיווע־באָכער, וועלכער האָט זיך, זייער שפּעט, אַרויסגעכאַפּט צו דער וועלט; אַף שנעל, אַ לייען־געטאַן, געהערט, געזען, גענומען אָנטייל אין קאַמפן, אין שלאַכטן, אָנגעהויבן שרייבן און, דורך געוויסע צוזאַמענפאַלן, געקומען קיין אַרגענטינע. דאָס נייע לאַנד האָט מיך צעטומלט. איך האָב, בעפּויעל־מאַמעש, נישט געוואוסט, וואו איך בין אין דער וועלט. איך האָב גענומען שטאַרק בענקען צוריק אַהיים, צו מיין שטעטל, צו מיינע כאַווירים, צו מיין לעבן דאָרט. דאָ, אַף דעם געפּערלעכן יאַריד, האָב איך מיך פאַרלוירן. מיר איז פאַרגעקומען, ווי איך בין אַפּגעריסן געוואָרן פון מיין שטאַם און פאַרשליידערט געוואָרן אין דער פרעמד, און מיין האַרץ האָט געבלוטיקט אין פּיין. איך האָב נישט געזען אין דעם קיין שום פאַרברעכן, קיין שום צוריקגעשטאַנענקייט, כאָלילע, קיין שום קליינשטעטלדיקייט. אַגעוו, האָב איך נישט געלייקנט, אַז איך קום פון אַ קליין שטעטל — פון מיין היים. שפּעטער האָב איך מיך דערוואוסט, אַז דעם זעלבן פּראָצעס פון בענקען האָבן אַלע דורכגעמאַכט, אין די ערשטע יאָרן, און כ' קאַץ איז נישט געווען קיין אויסנאַם. מען האָט זיך געשפּירט עלנט און פרעמד אין דעם נייעם לאַנד, און מ'האָט זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן

און גאַנץ געשמאַק געבענקט הויך אפֿן קאָל, אינעם וואָרט און אין שריפֿט, אַזוי לאַנג, ביז וואַנען, ווער פֿריער, ווער שפּעטער — לויטן כאַראַקטער נאָך —האָט מען זיך גענומען אונטערגעבן; געזען, אַז קיין וועג אַף צוריק איז נישטאָ, און מ'האָט זיך גענומען צופּאַסן, אויפֿגעהערט בלאָנזשען, ווי פֿרעמ־דע, גענומען זיך פֿאַרוואָרצלען, זיך אַרומקוקן; צוגעטראָטן בויען אַ לעבן, אַלץ לויטן מוסטער פֿונדערהיים, איטלעכער — לויט זיין געשמאַק, לויט זיין דערציאונג און אַפּילע לויט זיין פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט. מען האָט זיך נישט געגעבן קיין רעכענונג, אַז מ'בענקט אַלץ אַהיים, אַז יענע בענקשאַפֿט האָט גאָרנישט אויפֿגעהערט; אַז זי, די בענקשאַפֿט, איז, אייגנטלעך, אונזער באַלעבאָס, וואָס גיט אונז קויעך און זין פֿאַר אונ־זער עקזיסטענץ. מען האָט עמעם געבענקט שטילער, איינגעהאַלטענער, דערצוויגענער און אינטעליגענטער; אָבער דאָך קעסיידער זיך געקוויקט אין אירע קוואַלן... אַזוי זענען אויפֿגעקומען אין די נייע היימען די אַלטע פֿאַר־טייען פֿון דער היים, די שולן, די קלובן, די ביבליאָטעקן, וואו איטלעכער האָט זיך באַמיט אַריינצוטראָגן זיין אינהאַלט, וועלכער איז אים געווען נאָענטער צום האַרצן. אָבער, וואָס הייסט גאָר — נישט בענקען אַהיים? וואָס זענען מיר — היימלאָזע ציגיינער, וועלכע שלאָנדערן זיך אום איבער דער וועלט, ווי די נעכטיקע?! כ'האָב געטיינעט, אַז יעדעס גרעזל, אויב ס'איז נאָר פֿאַרוואָרצלט אין באָדן, אַזוי האָט עס זיין אָרט אינעם גאַנצן אונ־ווערס. דאַקעגן, דער מעכטיקסטער בוים, ווען ער ווערט אויסגעריסן פֿון דער ערד און ער בלאָנקעט אום אין דער לופֿטן, אַזוי האָט ער אין ערגעץ קיין אָרט נישט. דאָס זעלבע איז איצט געשען מיט מיר, האָב איך גע־רופֿן; איך בין געוואָרן באָדנלאָז, היימלאָז. האָט געדולד מיט מיר. לאָזט מיך זיך אויסבענקען, איינלעבן, זיך פֿאַרוואָרצלען און מיסטאָמע וועט מיט מיר נישט זיין אַנדערש, ווי מיט יעדן... איך האָב געפּרוּווט באַ־הויפּטן, אין מיין ווייטערדיקער אַרגומענטאַציע, אַז איטלעכע אידייע, אויב זי איז נאָר אַן ערדישע, אַ מענטשלעכע, דאַן מוז זי האָבן איר אָפּ־שטאַם, איר היים; און ווען כ' קאָץ באַמיט זיך אויסצופֿורעמען אַ ראַדי־קאַל אידיש לעבן אין אַרגענטינע, איז עס מיסטאָמע נישט קיין צופֿאַל, וואָס ער נעמט זיך, אַלס מוסטער, זיין באַפּרייט־געוואָרענע אַלטע היים... וואָס אָנבאַלאַנגט דער פֿאָדערונג פֿון לאָקאַלן שטייגער, האָב איך ווייטער פֿאַרגעלייגט מיינע רייד, האַלט איך דאָס פֿאַר אומבאַרעכטיקט צוליבן פֿאָלגענדן: ערשטנס, איז נאָך אַזעלכער נישטאָ, אין שטרענגען זין פֿון וואָרט. שטייגער ווערט נישט באַשאַפֿן לויט אימיצינס אַ וואונטש; וואַ־דע נישט, לויט אַ דעקרעט, אָדער פֿאָדערונג. שטייגער קומט נישט אַף באַשטעלונג. שטייגער איז אַ רעזולטאַט פֿון לאַנג־לאַנגע יאָרן אָנגעלעבט

לעבן אף אַן אָרט, פון אָנגעוואָרעמטער ערד, פון דאָר־דורעסדיקער יערו־
שע, פון טראַדיציע, פון איינגעזעסן געמיינדע־לעבן. דאָס איז נישט גע־
קומען אין די אַלטע היימען — איבער נאַכט. עס איז געוואַקסן, אין מע־
שעך פון יאָר־הונדערטער. אָבער, באַ אונז אין די נייע היימען, וואָס זעען
מיר? אַ ווילדער כאַאָטישער אָנגעלאַף פון אַלע עקן וועלט, פון הונדער־
טער שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד, פוילן, רייסן, ליטע, וואָליניע,
גאַליציע, רומעניע, בעסאַראַביע, אונגאַרן און נאָך, און נאָך, איטלעכער,
מיט זיין צענערעגטן שטייגער — אַדאַנק דער אויסוואַנדערונג — באַ זיך
אין האַרצן; אַלעס בענקט, פלאַטערט און צאַפּלט, זוכט זיך צו ראַטע־
ווען; זיך צו דערהאַלטן באַם לעבן; זיך צוזאַמענבאַהעפטן און זיך אָפּצו־
שטויסן — טאָ, וואָס פאַר אַ רעדע קאָן דאָ זיין פון שטייגער? סיידן עפּ־
שער — אין אַסימילירן זיך אין דער לאַנד־קולטור — אַקוראַט, ווי דער
העבראַיש פּרעטענדירט עס אין פּאַלעסטינע; אָבער, דאָס וועט דאָך כ׳
קאַץ זיכער נישט פאַרלאַנגען. בלייבט דערווייל דאָס איינציקע: לאָזן אָנ־
האַלטן די לעבעדיקע פאַרבינדונג מיט דער היים, וואָס העלפט געבן אַ
ווידערשטאַנד דער אַסימילאַציע; לאָזן איטלעכן זיך איינלעבן דערווייל,
קימען צו זיך עקאָנאָמיש, אַרויס פון דער צעטומלעניש, פון דעם שיפלעס־
געפיל, באַקומען מער כשיוועס צו זיך און, בעמיילע, מער קויעך קעגן דעם
שמעלץ־טאָפּ... וואָס אָנבאַלאַנגט ווידער דער אידישער ליטעראַטור (און
דאָ קומט דער צווייטנס) — זע איך נישט דאָ אַזעלכע ריזיקע קולטור־
קויכעס, וועלכע זאָלן אומשטאַנד־זיין פאַרלויפן דעם לעבן דעם וועג אַף
פאָרויס, אויפכאַפּן די אומצייליקע אַריבערגעבראַכטע ברוך־שטייגערס פון
די אַלטע היימען און אויספורעמען פון זיי אַלע אַ נייעם שטייגער־רע־
צעפּט פאַר אַלע... וואָס איך זע יאָ, איז, אַז אַלע יונגע אידישע שרייבער
אין אַרגענטינע זענען איבערגעפולט מיט בענקשאַפט אַהיים; דאַרף מען
זיי לאָזן דאָס אויסלאָדן, בענקען צוזאַמען מיט די מאַסן; בענקען און זיך
איינלעבן אין דעם לאַנד; און דערנאָך ערשט, מיט דער צייט — אַוואַדע
וועט אויפגיין דער לאָקאַלער שטייגער; ווי דען אַנדערש?

ניין, מיר האָבן זיך נישט געקאָנט צוזאַמענרעדן. איך בין געווען
איינער אַליין. אַלע כאַווירים־שרייבער האָבן געהאַלטן מיט כ׳ קאַץ. איך
האָב געפּרואווט פאַרעפנטלעכן אייניקע אַרטיקלען אין „די פּרעסע”, אַף
צו פאַרטיידיקן מיין שטעלונג צום פּראָבלעם. איך האָב גענומען אויפ־
טרעטן אין די קולטור־צענטערן וועגן דעם זעלבן. אָבער כ׳ קאַץ איז מיר
קיינמאָל נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער, און מיט דער שאַרף פון
זיין פּאָלעמיק האָט ער נישט איינמאָל מיר געטראָפן אין סאַמע האַרץ
אַריין...

אָבער איך האָב נישט רעזיגנירט. איך האָב מיך בלויז צוריקגעצויגן פון עפנטלעכן קאַמף, פון דעם אַזוי־גערופענעם שלאַכט־פעלד; ווייל נים דאָס איז געווען מיין ציל — צו געווינען. ניין, אויך איך האָב געוואָלט פ אַ ר ש ט יי ן ; און איך האָב מיך פאַרטראַכט דאַריבער...

אינגיכן, אין יאָר 1929, איז כ׳ פּ. קאַץ אַוועקגעפאָרן, צוזאַמען מיט אַ דעלעגאַציע פון פראָקאָר, צו מאַכן אַ רייזע איבערן ראַטנפאַרבאַנד. אפן אָפּשידס־באַנקעט האָט ער אויסגערופן, אַז — ער שפּירט בא די אַקסלען מעכטיקע אָדלער־פליגל, וואָס טראָגן אים אַוועק צו דער זון!... איך בין געשטאַנען דערביי און אים מעקאַנע געווען. איך האָב נאָך אַלץ געפּערלעד געבענקט אַהיים; און אין מיין נאַיוויטעט, האָב איך צוגעזען, ווי אַזוי מיט אים פּאַסירט ערשט דאָס זעלבע. נאָך עטלעכע און צוואָנציק יאָר אַפּזיין אין דער וועלט, האָט ער דערשפּירט פלוצים, ווי עס האָט אַן אָטעם געטאָן אַף אים מיטן טייערן מאַמע־ווינטעלע פון דער אייביקער היים, און ער האָט זיך צעשטראַלט, ווי אַ גליקלעך קינד אַף דער זון... שפּעטער, ווען ער האָט צוריקגעקערט, האָט ער דאָס אַליין באַשטעטיקט. ער האָט גענו־מען פאַרעפנטלעכן אין „די פרעסע" זיינע רייזע־איינדרוקן פונעם ראַט־פאַרבאַנד. עס איז געווען אַ שיר־השירים־געזאַנג צו דער פרייהייט. אָבער ווען ער איז צוגעקומען צו דער שילדערונג פון זיין אייגן שטיל־פאַרוואָרפן שטעטעלע, ערגעץ אַף דער אוקריינע, ווי אַ געניץ די גרוים — אַזוי האָט ער פלוצים אויפגעהערט זינגען. ער האָט אויפגעהערט רעדן אַפילע. ער, דער גרויסער קלוגער וועלט־איד, איז געבליבן אָן לאָשן. ער איז געשטאַ־נען אַרומגערינגלט פון זיינע פּאָשעטע קליינשטעטלדיקע אייגענע. מ׳האָט זיך געהאַלזט און געקושט, און מ׳האָט געוויינט...

ווי געזאָגט: אויך איך האָב געוואָלט פאַרשטיין. איך האָב געטראַכט דאַריבער, געלערנט, שטודירט; און דאָס דערלערנטע האָב איך פאַרעפנט־לעכט אין מיינע ביכער. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, האָב איך גענומען אַרבעטן, אַלס אידישער לערער, אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך פון דער פראָווינץ. בא דער אַרבעט אין שול, האָב איך זייער אָפט גע־דאַרפט אָנקומען צו כ׳ קאַצעס ספּעציעלע שאַפונגען פאַר אידישע קינדער, וועלכע זענען נאָכאַנאַנד געוואָרן פאַרעפנטלעכט אינעם קינדער־ווינקל פון „די פרעסע". זיין „געשיכטע פון דער מענטשלעכער אַרבעט", זיינע אי־בערפלאַנצונגען אין אידיש פון אַלטע קלאַסישע מעשאָלים, זיינע קאָמענ־טאַרן פאַר קינדער וועגן די נאַציאָנאַלע אַרגענטינער יאָנטויווים, אַלץ האָט באַצוועקט צו מאַכן דאָס אידישע קינד אויפגעקלערט, אינטעליגענט; אים צוגרייטן, מיט אָפענע אויגן, צום לעבן און צו דער וועלט, אַלס פאַרשטענד־לעכער איד און מענטש; עס הייסט, אַז ער זאָל זיך נישט לאָזן אַסימי־

לירן פון קיין שעקער, נאָר ער זאָל שטענדיק אָנהאַלטן די ליניע פון מאַסן־עמעס, דעם עמעס פונעם פאָלק... ווי מען זעט, איז כ׳ קאַץ אומעטום געבליבן געטריי זיין אידייען־גאַנג, און געאַרבעט אומדערמידלעך דערפאַר, פאַר קליין און פאַר גרויס אַלציינס...

און אומפאָרנדיק איבערן לאַנד, האָב איך געפאָרשט אונזער לעבן, זיך צוגעקוקט, געוואָלט פאַרשטיין. איך האָב געקלערט וועגן כ׳ קאַץ, וועגן זיין לעבן און וועגן זיין קאַמף... ער האָט צערייצט גרויסע האָפענונגען אין די הערצער פון די אידישע פאָלקס־מאַסן אין אַרגענטינע. ער האָט געצונדן דעם גלויבן און שיר נישט אָנגעזאָגט דעם נאָענטן טאָג פון דער לעצטער אַנטשיידנדער שלאַכט. ער האָט געטראַכט מיט זיין פיבערנדיקן מאַרך, מיט זיין פלאַמיק האַרץ. ער האָט אָפּגעשאַצט דיאַלעקטיש־ריכטיק די וועלט־געשעענישן און געזען בעבוש, אַז אַלעס פירט דערצו. עס איז גע־ויע די שוואונג־עפּאָכע אין זיין לעבן, די צייט פון געוויסער, די וויזיע פון ענדגילטיקער באַפרייאונג. אַוואַדע, ווען יענץ קומט אונטער, וואָלט זיין לויטערער לעבנס־כאָלעם פאַר די אַלוועלטלעכע אידישע מאַסן און באַזונדערס פאַר די אידישע מאַסן אין אַרגענטינע געוואָרן אַ פרייידיקע ווירקלעכקייט, פונקט ווי עס האָט פאַסירט אינעם ראַטנלאַנד, וואו די מעלוכע קאָנטראָלירט אונזער לעבן, אַזוי סאָציאַל ווי נאַציאָנאַל.

אָבער, ווען די וועלט איז נישט געקומען אַנטקעגן? דער ליכטיקער כאָלעם איז דערוויל נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. דאָס לעבן איז זיך אַוועק מיט זיין אַלטן גאַנג, ווי פריער; און אונזער אידיש לעבן אינדערמיט. עס האָט דעגענערירט צו אַסימילאַציע, צו העפקיירעס; און עס איז נישטאָ דערוויל דער קויעך, וואָס זאָל עס צוימען...

און דאַן האָב איך ווידעראַמאָל אַ קלער געטאָן דרייסט און אַרויסרופעריש: עפּשער פאָרט די אַלטע היים, אַלס קויעך, וואָס קאָנטראָלירט און צוימט? און איך האָב גענומען מאַכן פאַרגלייכן צווישן דאָ און דאָרט. לאָמיר אויפהערן פאָדערן די גאַנצע וועלט־איבערקערעניש, ווען מען קען נישט. לאָמיר זיך באַנוגענען מיט דעם, וואָס איז מעגלעך, ווען מען לעבט אין אַ וועלט, וואו מיר, ראַדיקאַלע אינטעליגענץ, זענען נאָך נישט דערוויל די האַרן... אין דער היים איז געווען רעספּעקט פאַרן איידעלן איד, פאַרן אידישן אינטעליגענט. מ׳האָט געשעצט זיין וואָרט, מ׳האָט מוירע געהאַט פאַר זיין געשריי, און דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ געפיל פון אַברייעס צו זיך גופע. דאָ, אין דער נייער היים, הערשט העפקערעס און בוצפּע פונעם אַרויפגעאַרבעטן אַלרייטניק איבער אַלץ. ער, דער פּרינציפּיעלער איגנאָראַנט, וואָס מאַכט זיין אַמעראַצעס פאַר אַ טוגנט, שפּאָרט אָן אומעטום און לאַכט זיך אויס פונעם איידעלן מאַן, פונעם אינטעלי־

גענט. עס איז נישטאָ דאָ קיין אַקוסטיק פאַרן איידעלן וואָרט. ניין, מ׳נעמט עס נישט ערנסט אין ערגעץ נישט. מ׳רעספּעקטירט עס נישט. אַזוי איז, לאָמיר האָפן — דערווייל; מעגלעך, אַז עס איז צייטווייליק, עס וועט זיך איבערנעמען. אָבער, ווי אַזוי וועט זיך עס איבערנעמען — פון זיך אַליין? ניין. מ׳דאַרף העלפן דערצו; און אַ קולט פאַר דער אַלטער היים קאָן ווערן איינס פון די מעכטיקסטע מיטלען פאַר דעם. דאָ איז אונזער אידיש לעבן, אַזוי ווי אָן לופט, אַזוי ווי בלינד, קולטורלאָז, ווי אויסגעליידיקט פון יעדן ערנסטן וואָגיקן אינהאַלט. און אַנדערש, ווי מ׳ווייסט, איז די היים. מירן אַ רעד־טאָן וועגן פאַרטייען. דאָרט, אין דער אַלטער היים, זענען די פאַרטייען אַרויסגעוואָקסן פון לעבן, און עס האָבן זיך גרופּירט אַרום זיי די יעניקע, וואָס האָבן זיך מיט זיי אָנגעהערט, נישט קיין אַנדערע, ווייל מען וואָלט זיי נישט אויפגענומען און גלייך געווען אַריבערגעשיקט אַהין, וואו זיי קערן זיך אָן. אָבער, ווען מען האָט גענומען די אַלטהיימישע פאַרטייען און זיי געפּרואווט אַריבערפּעקלען אַהערצו, — אַזוי קומען זיי פאַר, ווי אַראָפּגעפאַלענע פונעם הימל אַלציינס. מען וויל זיי פאַרפלאַנצן, נאָר זיי נעמען זיך נישט אָן, און עס ווערט פאַרוואַנדלט בלויז אין אַ ביליקער וואולגאַרער קאַריקאַטור. געוועזענע שטרענגע פאַרטיי־לייט פון דער היים, אַרבעטער־קעמפער, זענען דאָ געוואָרן אַרויפגעאַרבעטע לייט און אַרבעטסגעבער; נאָר פון זייער יוגנט־פאַרטיי וועסטו זיי ניט פאַרטרייבן מיט קיין דרענגער. זיי וועלן דיר נאָך אַלץ גיבן רעאַליסטישע לעקציעס וועגן ניכטערן סאָציאַליזם, אין גייסט פון דער צייט; און דיך אַליין, דעם אָנהענגער פון אייביקן אידעאַליזם, וועלן זיי שטעמפּלען, אַלס באַטלען און אַפילע אַלס שעדיקער... עמעס, טיף אין האַרצן, שרייען זיי, בענקט זיך נאָך אַלץ צום „פּינטעלע איד” פון אַמאָל, צו דער אייביק יונגער אַלטער היים, וואו אַלץ איז געווען הייליק און אומבאַפלעקט. אָבער, מ׳קאָן דאָך נישט אייביק בלייבן קינדיש־יונג; און מען מוז זיך באַנוגענען מיטן זינגען אַ ליד אַמאָל, מיטן טרעפן זיך אויף אַן ערשטן־מאַי־באַנקעט, אין אַלגעמיין, מיטן בענקען; און אַזוי אַרום, ווערט די פּראָגרעסיווע פאַרטיי פאַרוואַנדלט בעהאַדראָגעדיק אין אַ מין לאַנדסמאַנשאַפטלעכער בענקשאַפט־אינסטיטוציע פון אַרויפגעאַרבעטע אַלרייטניקעס, וואָס האַלטן אָן דעם טאָן... נאָכאַמאָל: דאָ, אין די נייע היימען, וועלכע זענען נאָך קיין היימען נישט געוואָרן; וועלכע האָבן נאָך נישט קיין ווענט און קיין דאַך איבערן קאָפּ; וועלכע זענען נאָך דערווייל גאַסן צעהעפּקערטע, צעווינטיקטע, וואו אַלץ ווערט פאַרטויבט פון דער קעסל־פּויק, — דאָ קומען אַסאַך פאַר, מיט זייער אויפפירעכץ, ווי די אַלטע אידישע קאָנקוויסטאַדאָרן אַלציינס אינעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד; אומזיסט זענען די נעוויאָים היי־

זעריק געוואָרן שרייענדיק צו גיין אין גוטן וועג, אין נאָ־כ׳עז פונעם אומזעבאַרן יעהאָוועז, — אין דער צייט, ווען די ערדישע אשטוירעס האָט אַנדערע אינסטינקטן גערייצט און גערופן אַף אַנדערע וועגן צו גיין... דאָ, אין די נייע היימען, האָט זיך איינגעשטעלט אַן אומ־געהויער־באַנאַל געיעג נאָך וואולגאַרער טעאַטער־שפּיל, פון רעקלאַמע באַלאַ־גאַן. אַלעם שפּילט, דרייט זיך און זשומעט, פאַרבלינעט זיך אַליין פון נוד־נאַכ׳ע, פאַרנודעט אַ וועלט מיט מענטשן, און קלויבט זיך גאָר קיינמאָ׳ פון דער ביליקער סצענע נישט אַראָפּ...

עס איז אַלט, ווי די וועלט — וועט איר זאָגן; אָט דער שטענדיקער „הדיוט קופץ בראש”, אָט די „חכמת המיסכן בזויה”. אָבער, מ׳איז דאָך נישט מעכויעוו שטיין, מיט פאַרלייגטע הענט, און צוקוקן, ווי דאָס ווערט דער קרעבס פון אונזער גאַנץ לעבן! עס מוז געצוימט ווערן דורך דער מאָראַליזירנדיקער ווירקונג פון דער אַלטער היים, פון אָט דעם אייביק־יוגגנטלעכן געפיל אין יעדן איינעם פון אונז. אַלטע היים מיינט — עכטע קונסט, מיינט געלייטערטקייט און אָפּגעזעצטקייט פון אונזער לעבן. אַלטע היים מיינט — אינהאַלט און אַכרייעס. אונזער בענקשאַפט אַהיים, דאָס איז, אייגנטלעך, יענע בענקשאַפט צום אַלטן און אייביק־יונגן אידעאַל פו: אַבסאָלוטער גערעכטיקייט, אָן פשאָרעס און אָן טראַנזאַקציעס; אָט אַזוי, ווי מען פאַרשטייט גערעכטיקייט אין דער יוגנט; אָט אַזוי, ווי מ׳נעמט אויף גערעכטיקייט און מ׳שטרעקט דאָס לעבן פאַר איר — אין יענעם לאַנד, וואו מ׳האָט זיך דערוועגט צו באַקערן צו דער אייביקער יוגנט... אונזערע כעשבוינעס פון גערעכטיקייט און נעקאָמע זענען ענג פאַרבונדן מיט אָר־דוירעס דורכוים מיט די אַלטע היימען. אָט דאָס מעכטיקע געפיל פון בענקען אַהיים מוז ווערן די צענטראַלע טרייב־קראַפט און דער אייגנט־לעכער זין פאַר אונזער אידיש לעבן אין די נייע היימען, וואָס מיר גייען ערשט בויען. קוקט און שטוינט, ווען לאַנדסלייט באַגעגענען זיך אַפן יאַ־ריד, נאָך יאָרן זיין צעשיידט און זיי טועז אַ רעד פון דער אַלטער טייערער היים, — ווי יונג זיי אַליין ווערן! עס נעמען אויפגיין אין זייער וויזיע ל׳יטערע קונסט־בילדער, וואָס פאַרקישעפן זיי, וואָס דערהויבן און צווינ־גען זיי זיך פאַרקלערן, וואו מען איז אין דער וועלט... אַלעמענס טרוים איז די היים. עס פאָרט דער ארויפגעאַרבעטער אָלרייטניק אַף זיין באַ־וואוסטער לוסט־רייזע אַהיים, קעדיי צו באַווייזן — וואָס מ׳איז אַליין גע־וואָרן אין דער וועלט; און עס פאָרט אַהיים דער אידישער אינטעליגענט, קעדיי אָנצעווארעמען דאָס אָפּגעכאַלעשטע האַרץ באַם היימישן פייער, זיך אָננעמען מיט פרישע קויכעס צום ווייטערדיקן קאַמף פאַר אידיש לעבן אַף דער וועלט. אונזער מאָדערנע אידישע ליטעראַטור, אירע וויכ־

טיקסטע ווערק זענען פול מיט דער שילדערונג און מיט דער ווידער־אויפלעבונג פון דער אלטער היים אין אונזער הארץ, קעדיי מיר זאָלן האָבן קויעך צו לעבן אף דער וועלט און צו קעמפן פאר אונזער אידיש־מענטשלעך געשטאלט; קעדיי מ'זאָל נישט דארפן נאָכזאָגן אויך וועגן אונז, אז „מיטן פארלאָזן די היים, זענען מיר געשטאָרבן און איצט דרייען מיר זיך אום אפן אוילעם־האטויע, ווי שאָטנס פון נעכטיקן טאָג...״ (הער־צען, אין „בילאָיע אי דומע״ וועגן דער פאָליטישער עמיגראציע אין שווייץ און לאָנדאָן).

איך האָב געטראכט דאָס אלץ און געזוכט א וועג צו כ׳ קאצס מויעך, צו זיין הארץ... שווין־זשע זעט ער עס נישט איין אליין?! — קיינער האָט מיר אין דעם נישט געהאָלפן. איך בין געווען אליין. און נישט געבנדיק זיך קיין רעכענונג, וויאזוי — בין איך אריינגעוואָקסן אין היגן אידישן לעבן בעלעוו־וועגעפעש, געוואָרן פארוואָרצלט און גענומען עוואָלוציאָנירן, אזוי צו זאָגן, צום לאָקאלן שטייגער. מיינע ביכער פון יענער צייט (פון פופצן פארעפנטלעכטע ביכער, זענען צען דאָך געשריבן געוואָרן וועגן היגן לעבן...) האָבן, עמעס, געשילדערט דעם אידישן אישעוו אין ארגענטינע; אָבער געוויזן אין אים בלויז דאָס נעגאטיווע, ווייל אנדערש, געוויס, האָב איך דעם אישעוו נישט געזען. כ׳ קאץ האָט זיי נישט באמערקט. פון מיי־נע סאָציאל־פילאָזאָפישע ווערק „די מאסע און אירע דערלייזער״ און „קורצע וועלט־געשיכטע פון אידישן פאָלק״ האָט כ׳ קאץ זיך אָפגעשטעלט בלויז אפן לעצטן און אויסגעדריקט זיין נישט־איינשטימיקייט מיט דער־טעאָריע, וואָס איך האָב ארויסגערוקט, אז אין דער מענטשלעכער געזעל־שאפט, אלציינס ווי אין דעם מענטשנס פסיכיק, גייט אָן דער אייביקער קאמף צווישן היסטאָרישן אידעאליזם און מאטעריאליזם, צווישן דער אי־דייע און דער מאטעריע, אלס רעזולטאט פונעם אנטיטעטישן געראנגל אין דער ביאָלאָגיע און אינעם קאָסמאָס אין אלגעמיין... דערפאר האָט מיין בוך „דער בעטלער, דער לעץ, דער סאָציאלער מענטש״ געפונען דעם ווארעמס־טן אָפרוף בא כ׳ אווראָם רייזען, וועלכער האָט מיר אָנגעשריבן פאָלגנ־דעס: „אייער נייסט ווערק „ב'ל' ס'מ'״ האָט מיך פארכאפט. איך האָב דאָס בוך איבערגעלייענט בינשימע־אכאָס, ווי ס'הייסט אין לאָשן־קוידעש. בא מאנכע שטעלן האָט זיך מיר געדאכט, אז איר האָט זיי פון מיינע בא־האַלטנסטע מראכטונגען ארויסגעשעפט. א גרויס צייטלעך, צייטיק און א דאר־פארייביקט ווערק! אייער טיפקייט האָב איך שוין לאנג אָנגעמערקט. איצט זע איך אייך אין א נייער פאזע — אין אייער וויזיאָנערישקייט. אא״וו.״ און אָט וואָס כ׳ א. רייזען שרייבט, בא א צווייטער געלעגנהייט: „מ. גראָניטשטיין, וואָס שאפט אין ארגענטינע געהער, לויט דער גרויס פון

זיין טאַלאַנט, לויט זיין שוואונג, פאַרנעם און, דער עיקר, אַלס טיפער דענקער — אַ דענקער אין בילדער, — צו דער אַלגעמיינער וועלטלעך־אידישער ליטעראַטור, דאָס הייסט, צו דער נאַציאָנאַלער אידישער ליטעראַטור. אין די לעצטע פאַר יאָר, האָט ער, מיט זיין פרוכטבאַרקייט, אונז ממש איבערראַשט. קיין עין־הרע וועלן מיר אים, חלילה, נישט געבן. פאַרקערט, מיר ווינטשן אים מזל־ברכה אין זיין שאַפן! באַ אַ צווייטער געלעגנהייט, וועלן מיר זיך לענגער פאַרהאַלטן אַף די שאַפונגען פון מ. גראַניטשטיין, וועמעס ווערק, ווי דער שעפער אַליין, פאַרדינען גרויס אויפמערקזאַמקייט.”

איך האָב ווייטער געאַרבעט, שטודירט און געשריבן. איך האָב פאַרטראַכט אַ טרילאָגיע פון פופציק יאָר אידיש לעבן אין אַרגענטינע און אָנגעשריבן דעם ערשטן באַנד פון דער סעריע, דעם ראָמאַן „באָלוואַנעווקע”, אַ אידיש־אַרגענטינער שטעטל, וואָס דערמאָנט אין דער היים... עס איז געווען מיין ערשט בוך, וואו עס ווערט אַרויסגעבראַכט אויך דאָס פאָזיטיווע פון אונזער יונג אידיש לעבן דאָ אין לאַנד; עס ווערט געזאָגט דעריי אָ פאַר אונזערע אָנשטרענגונגען, אין מעשך פון פופציק יאָר; און עס ווערט אָנערקענט דער יעסאָד, די באַזע פאַר ווייטערדיקן קאַמף און אַנטוויקלונג... אָט וואָס עס שרייבט פּראָפעסאָר ראָבאַק וועגן דעם בוך: „אייער „באָלוואַנעווקע” איז אַ סאַטירע פון בילדער און שילדערונגען אין דעם גייסט פון מענדעלע, נאָר מיט אַ מאָדערניסטישן אונטערשלאַק. וואָס מיך האָט פאַרינטערעסירט מער פון אַלץ, איז די אימפּעטדיקע און רייכע שפּראַך, וואָס שפּרודלט מיט קאָלערליי אויסדרוקן, אַ שלאַל מיט אידיאָמען. עס איז אַ מין אידישער „גאַרגאַנטואַ און פּאַטאַגרועל”. (מאָנומענטאַל בילדעריש און אָריגינעל ווערק פון פראַנצויזישן שרייבער ראַבעלע פ. וואו, אונטער דער אומגעהובלעוועטער שפּראַך, סקעפּטיציזם און שטורמישער פאַנטאַזיע, פילט זיך אַ העכערע קריטיק, אַ טיפע ליבע צו דער מענטשהייט, אַ ליידנשאַפטלעכע שטרעבונג צו גערעכטיקייט).

איינמאָל אינאָוונט, האָט מיך כ׳ קאַץ אָפּגעזוכט און געזאָגט:

— איך האָב נאָר־וואָס איבערגעלייענט אייער ווערק „באָלוואַנעווקע”. איך האָב עס געלייענט בענשימע־אַכאַס. אייער בוך פאַרדינט, מען זאָל עס שטעלן אַף אַן אָנגעזעען אָרט אין דער פּאָליצע פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע...

וואָס איז געשען?

עס זענען, אונטערדעסן, יאָרן פאַרלאָפן. עס איז געקומען דער פאַשיזם אין איטאַליע. עס איז געקומען דער היטלעריזם אין דייטשלאַנד. עס איז געקומען די צווייטע וועלט־מילכאָמע. עס איז געקומען דער פאַקט

צווישן היטלערן און סטאלינען. עס איז געקומען דער צוזאמענברוך פון פראנקרייך, און אייראפע איז באהערשט געווארן פון דער אקס, וועלכע האט זיך ערשט פארמאסטן גיין נאך ווייטער... אידן אין דער וועלט, אפילע אין די פרייעסטע דעמאקראטישע לענדער, האבן זיך מיט איין מאל דערפילט עלנט און געפאנגען. אזוי ווי צווישן ווילדע בייעס. מ'האט זיך ארומגעקוקט מיט מוירע אין אלע זייטן. אזוי ווי פרעמדע איינגעבעטענע, וועמען עס דראעט יעדע רעגע א טויט־געפאר... און ס'איז אויפגעקומען מיט דער גאנצער קראפט די געוואלדיקע בענקשאפט אהיים, צוריק צום אייגענעם אידישן לעבן, שיר נישט — צוריק צום געטא, וואו איד לעבט מיט איד צוזאמען — און איז דאך אלציינס יעדע רעגע אויסגעשטעלט דער טויט־געפאר... עס איז נישט געווען קיין טרופע, עס איז געווען צעטומלעניש, היסטעריע, וואס קומט פון פארצווייפלונג; פון אנערקענען, אז די לאגע איז אן אומויסגאנגלעכע...

איך בין אין יענע יארן נאכגעגאנגען פוס־טריט דעם כ׳ פ. קאץ. ער האט געשמייכלט אליץ־וויניקער. ער איז געווארן, ווי איינגעשרומפן פון דער שרעקלעכער לאסט, וואס האט זיך געלייגט אף אים; פון די שווערע געדאנקען, וואס האבן געגריזשעט דעם מארך און דאס הארץ... ער איז א רעדאקטאר בא אידן, און ער מוז ווייטער שרייבן אלע טאג: „אויפקלערן", ווי געווען... אבער ווען מען בלייבט אליין מיט זיך?... שוין־זשע האבן אלע האפענונגען אפגענארט? און עס זענען דורכגעפאלן אלע גלויבנס, אלע דערווארטונגען אף פרייער פארברידערונג פון פעלקער און מאסן? שוין־זשע האבן אלע הייליקע און מארטירער פאר דער וועלטס באפרייונג א טאעס געמאכט? אליץ איז געווען שעקער און באטרוג; און דער איינציקער־טעמעס איז — די פינצטערע נאכט פאר די וועלף?! וואס־זשע בלייבט צו טאן?

כ׳ קאץ איז נאך קיינמאל נישט געווען אזוי איינזאם, ווי אין יענער צייט. נײַן, ער האט זיך נאך נישט אונטערגעגעבן. ער האט נישט געוואלט ווערן אלט און צעבראכן. ער האט געגלויבט אין א יונגער פרייער וועלט, און ער האט קעסיידער רעבעלירט קעגן דער פארצווייפלונג... עס מוז קומען די ריכטיקע קויכעס־צעטיילונג אינעם קאמף צווישן ליכט און פינצטערניש. מ'מוז האבן אויסדויער. מען מוז קענען איבערווארטן. אפשווייגן א באליידיקונג און ווייטערווארטן. דער הייליקער עמעס פון דער מענטשהייט דארף און מוז זיגן.

מיט דער אומגעבראכענער אקשאנעס פון דעם אייביקן איד, האט ער, מיט פארפרעסטע ליפן, זיך־איינגעביסן אין זיין אידישן, אין זיין אוניווערסאלן גלויבן און געווארט...

— איינמאָל — האָט ער מיר דערציילט — נאָך אין דער יוגנט, בין איך אומגעגאַן אין אַדעם שלינג־און־שלאַנג. עס איז געווען שיר נישט אַזאַ פינצטערע צייט, ווי די היינטיקע. נאָכן צוזאַמענבראָך פון דער רעוואָלוציע פון 1905־טן יאָר. מאַסן־שביטעס אויף אַרבעטער. פּאָגראָמען אויף אידן... איך בין געווען פאַרוואָרלאָזט, באַוואַקסן... איך בין געבליבן שטיין פאַר אַ שוי־פּענצטער, געקוקט אין אַ זין... פּלוצים, וואָס האָבן מיינע אויגן דער־זען? איך בין געוואָרן אַ פאַרצאַפּלטער... אויף מיר האָט געבליקט פון דער שויב דעם טאַטנס געשטאַלט, זיין רויט בערדל. דערזעלבער טרויער אי־נעם אויסדרוק... איך בין איינגיכן אוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע. אָנגע־הויבן דאָס לעבן פונדאָסניי...

איך בין ווייטער נאָכגעגאַנגען דעם כ׳ קאַץ פּוס־טריט. אויך איך האָב געוואַרט.

אין יאָר 1936 איז ה. לייוויק געקומען קיין אַרגענטינע אויפן פּען־קאָנגרעס. האָט מען געמעגט זען, ווי כ׳ קאַץ האָט זיך געטוליעט אין אים, אים פּארקוקט אין די אויגן, געשלונגען זיין יעדעס וואָרט... לייוויק, דער געוויסן פון אידישן אַלוועלטלעכן סאָציאַליזם; לייוויק פון די סיבי־רער לידער; דער אַפּאָסטאָל פון אונזער מאָדערן וועלטלעך אידיש לעבן... איינמאָל באַנאַכט איז געווען אַראַנזשירט אַ סימכע אין הויז פון יאַנקעוו באַטאַשאַנסקי. איך בין אָנגעקומען פּונקט דאַן, ווען כ׳ קאַץ און לייוויק זיינען געגאַן געאָרעמט אַ כסידישן ריקוד, און דערביי געזונגען מיט אַזאַ ענג־איינגעשלאָסענער קאַפּדאָנישער היסלייוועס, ווי אין אַלט־ליבאַוויטש אַלציינס... (אויך כ׳ קאַץ שטאַמט פון די ליבאַוויטשער...) נאָר צום אָפּאָ־גיי איז עס דערגאַנגען אין געציילטע טעג אַרום, ווען לייוויק איז אַהיימ־געפאָרן קיין נ. אַמעריקע. ער איז געשטאַנען פונויבן, באַם פאָרענטש פון דער שיף, מיט אַ בוקעט רויטע רויזן אין האַנט, געריסן בלעטעלעך און גע־שאָטן אויף די קעפּ פון די, וואָס זענען געקומען אים באַגלייטן. די שיף האָט געהאַלטן אין אָפּגיין... פּלוצים האָט מיין נעשאָמע דערזען אַן אַלט ביבליש בילד... עליהאו פליט אין די הימלען; אונטן לויפט עלישאָ און שרייט: — „אָבי, אָבי, רכב ישראל ופרשיו"... כ׳ קאַץ איז נאָכגעלאָפן פון אונטן, מיט אויפגעהויבענע הענט אין דער לופטן, מיט געבעט און פלאַטער אין צורע און, אין אַלגעמיינעם ליאַרעם, געשריגן: — לייוויק, אידיש, אידיש...

און איך האָב דערזען — איך, וואָס איך בין אים נאָכגעגאַן פוס־טריט — אַז כ׳ קאַץ, דער וועלט־מענטש, וואָס האָט אַלע יאָרן אַזוי שטאָלץ געשטעלט דעם דאָגעש אויפן פרייען לויטערן פאַרשטאַנד — האָט ענדלעך נישט אויסגעהאַלטן און זיך אונטערגעגעבן דער מיסטישער קראַפט פונעם

איד, דעם אייביקן קויעך פון אונזער היים, פון אונזער מאמע־לשון אי־דיש, וואָס איז געוויקט אין יאמען בלוט און טרערן פון אונזערע מאַרטי־רער, וואָס זענען געגאַן אַף קידעש־האַשעם, קעדיי איינצושטעלן די מאָל־כעס־שאַדאַי פון צעדעק און יוישער איבעראַל... וואָס האָבן טאָמיד גע־גלויבט, וואָס האָבן טאָמיד געוואַרט...

און מיר האָבן זיך ענדלעך דערוואַרט. היינט צו טאָג שטייט אונזער אַלטע הערצישע היים אין בלוט און אין פלאַמען, און פירט דעם הייליקן קאַמף, די לעצטע אַנטשיידנדע שלאַכט פאַר אַלעמענס באַפרייונג. אין אונ־זער בלוטנדער בענקשאַפט אַהיים, טרעפן מיר זיך אויף אַף טאָמיד, כ׳ פ. קאַץ!